ב"ה

קונטרס

# לחג השבועות

## כתה ה׳ ו׳


י"ל ע"י

**ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר**

נתייסדה ע"י כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

בניו ישעי׳ זאב לעוו


ועתה כתבו לכם את השירה הזאת

# דברי תורה

**בחדש השלישי לצאת בני ישראל מארץ מצרים** (שמות יט–א). **שיהיו דברי תורה חדשים עליך** (רש"י).

**ווען** א איד וויל זיך זעצן לערנען תורה, קומט שטענדיג דער יצר הרע און גיבט איהם אריין א שלעכטע געפיהל אין הארץ, אז ער וועט סיי ווי נישט קענען לערנען ווייל ביז יעצט האט ער גארנישט געלערנט. און דאס ברענגט איהם צו "יאוש" און דורך דעם הערט ער אויף אינגאנצען צו לערנען. דערפאר מוז מען זעהן אזוי ווי די תורה איז היינט געגעבן געווארן ווי ניי, און ער הייבט יעצט אהן צו לערנען צום ערשטן מאהל.

(מהר"ש מבעלזא)

**ויענו כל העם יחדיו ויאמרו כל אשר דבר ה' נעשה וגו'** (שמות יט–ח).

**צוליב** די גרויס ליבשאפט וואס די אידן האבן ארויס געוויזען פאר די תורה, האבן זיי נישט געווארט איינער פאר דעם אנדערן אז דער חבר זאל פריער ענטפערן, נאר אלע אידן צוזאמען האבן אויסגעשריגן מיט איין שטימע: "נעשה ונשמע"!

(רבי בונם פון פרשיסכא זי"ע)

**ויענו כל העם יחדו ויאמרו כל אשר דבר ה' נעשה וגו'** (שם)

**צווישן** די תרי"ג מצוות וואס דער אייבערשטער האט באפוילן די יודישע קינדער, זענען דא מצוות וואס זענען נישט שייך פאר אלע אידן. ווי צום ביישפיל מצוות פון כהנים אדער לוים, מצוות פון א מלך ישראל אדער כהן גדול. אבער ווען יודישע קינדער זענען באחדות, איז דאס גאנצע פאלק ווי איין מענטש און איין נשמה. דעמאלס ווערט גערעכענט די מצוות פון איין יוד אויך פאר די אנדערע אידן, און עס איז אזוי ווי אלע אידן זענען מקיים די אלע תרי"ג מצוות. דאס קען זיין דער רמז אין פסוק: "ויענו כל העם יחדו" אז דאס גאנצע פאלק איז געווען צוזאמען מיט אחדות און ליבשאפט, דעמאלס: "ויאמרו כל אשר דיבר ה' נעשה". אלעס וואס דער אייבערשטער האט באפוילן וועלן מיר טוהן. ווייל מיר האלטן זיך צוזאמען, און די מצוות ווערן גערעכענט ווי אלע אידן האבן זיי מקיים געווען.

(משך חכמה)

**וישב משה את דברי העם אל ה'** (שמות יט–ח)

**משה** רבינו האט געוואלט מעורר זיין אויבן אין הימל מדה כנגד מדה. אזוי ווי די אידן האבן געענטפערט "נעשה ונשמע", אזוי אויך זאל דער אייבערשטער שטענדיג אזוי ענטפערן אויף די יודישע תפילות און בקשות. "וישב משה את דברי העם", משה רבינו האט צוריק געקערט די רייד פון די אידן, "אל ה'", אז די רייד זאל אויך געהערט ווערן פון דעם אייבערשטען, אז ער וועט טוהן אזוי ווי די אידן.

(מהר"ש מבעלזא זי"ע)

**ויתיצבו בתחתית ההר** (שמות יט–יז). **מלמד שכפה עליהם הר כגיגית** (שבת פ"ח.).

**די** גמרא זאגט אין מסכת שבת (דף פ"ח), אז פאר דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר די אידן האט ער אויפגעהויבן דעם בארג העכער די אידן, און געזאגט: "וועט עטס מקבל זיין די תורה איז גוט, און אויב נישט - דארט וועט עטס באגראבן ווערן"! פרעגט אויף דעם תוספות, פארוואס האט אויסגעפעהלט אז דער אייבערשטער זאל דאס טוהן, די אידן האבן דאך געזאגט פון זייער אייגענע ווילן: "נעשה ונשמע"? נאר די כוונה פון דעם אייבערשטן איז געווען מרמז צו זיין, אז אפילו ווען עס קומען אהן אויף דעם מענטש שווערע צייטן אזוי ווי א בארג, און זיין רצון און חשק צו דינען דעם אייבערשטן איז זייער שוואך, דאך דארף מען זיך אנשטרענגען מיט אלע כוחות צו לערנען תורה און דינען דעם אייבערשטן.

(בעל שם טוב זי"ע)

**ויתיצבו בתחתית ההר** (שמות יט–יז). **מלמד שכפה עליהם הר כגיגית** (שבת פ"ח.).

**אזוי** ווי ווען א מענטש געפונט זיך א לענגערע צייט אין די פינסטערניש, מעג ער נישט פלוצלינג ארויס גיין צו די ליכטיגקייט, ווייל ער קען אינגאנצען פארלירען זיין זעהן. אזוי אויך די אידן, וואס זענען געווען אזוי לאנג אין די פינסטערע טומאה פון **מצרים**, וואלט זיי געשעדט אויב דער אייבערשטער וואלט אויף איינמאהל פאר זיי באוויזען די ליכטיגקייט פון די **תורה**. דערפאר האט זיי דער אייבערשטער באדעקט מיט דעם בארג, כדי צו פארשטעלן פון זיי די געוואלדיגע ליכטיגקייט.

גדולת מרדכי

## כה תאמר לבני ישראל ... אתם ראיתם את אשר עשיתי למצרים וגו' ועתה אם שמוע תשמעו בקולי.

מען קען זאגן א כוונה, לויט ווי די גמרא זאגט, אז רבה האט יעדן טאג פאר'ן לערנען, געזאגט פאר זיינע תלמידים א מלתא דבדיחותא, ליסטיג צו מאכן די תלמידים, אבער נאכדעם איז ער מיט די תלמידים געזעצען באימה וביראה ביים לערנען, ווייל ווען א מענטש איז טרויעריג, איז דער קאפ נישט גענוג אפען אויפצונעמען לערנען, האט ער זיי קודם געוואלט משמח זיין. לפי זה, קען מען דאס מפרש זיין אין די פסוקים, "**כה תאמר לבני ישראל אשר עשיתי למצרים**" **וגו'** וואס דאס איז א זאך פון שמחה (ווייל מען איז ארויס פון מצרים) ווי א מלתא דבדיחותא, "**ועתה**" יעצט אז איך האב אייך שוין אויפגעלעבט, "**אם שמוע תשמעו בקולי**" קענט עטץ צוהערען דאס לערנען.

(בני יששכר)

## כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל.

זאגט די גמרא, "בית יעקב", אלו הנשים, און "בני ישראל" מיינט מען די מענער. איז שווער, פארוואס זאל מען פריער רעדן צו די ווייבער. נאר ווי באוואוסט, זענען די מאמעס די וואס זענען אינדערהיים מיט די קליינע קינדער, און זיי זענען די ערשטע מחנך די קינדער צו תורה און מצות. דערפאר זאגט דער פסוק, "**כה תאמר לבית יעקב**", אלו הנשים, "**ותגיד**", ווייל זיי זאלן זאגן, "**לבני ישראל**", צו די יודישע קינדערלעך ווי אזוי זיך צו פירן.

(מהרש"א)

## זכור את יום השבת לקדשו.

מען דארף פארשטיין, פארוואס ביי די עשרת הדברות אין פרשת יתרו שטייט זכור, און אין פרשת ואתחנן שטייט שמור.

נאר, זאגט דער רבי זי"ע, אז מען קען דאס פארשטיין לויט'ן מדרש רבה (פ' תשא) וואס זאגט, אז פון מתן תורה ביז צום חטא העגל זענען די אידן געווען אין די מדריגה פון לעתיד לבוא, וואס דעמאלטס איז אפילו אינדערוואכן נישט שייך געווען קיין שום מלאכה, דערפאר איז נישט שייך געווען דער לשון שמור וואס מיינט אז מען זאל נישט ארבעטן, ווייל מען ארבעט דאך ממילא נישט. דערפאר שטייט דער לשון זכור, וואס דאס איז טייטש אז מען זאל געדענקען דעם שבת קודש. אבער שפעטער אין פרשת ואתחנן וואס דאס איז שוין געווען נאכ'ן חטא העגל ווען עס איז שוין יא שייך געווען א מלאכה, שטייט שוין שמור, אז מען זאל אפהיטן שבת קודש און נישט ארבעטן.

דברי יואל

## נעשה ונשמע אמרו כאחד.

לכאורה איז דאך שווער א קשיא אויב די אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע פון זייער אייגענע ווילן אז זיי גייען אנ'נעמען די תורה פארוואס האט אויסגעפעלט זיי צו צווינגען מיטן אויפהייבן די בארג העכר זיי?

נאר מען קען דאס פארענטפערן אז מען האט טאקע נישט געדארפט צווינגען די אידן אז זיי זאלן מקבל זיין די תורה. אבער די באשעפער האט געוואלט געבן פאר די אידן א תירץ אז אויב ח"ו זיי וועלן זיך נישט אויפ'פירן ערליך און מען וועט זיי מוזן שטראפן זאלן זיי זיך קענען פארענטפערן אז מען האט אונז געצווינגען אנצונעמען די תורה במילא קומט אונז נישט קיין שטארף פארן נישט איינהאלטן די תורה.

דברי יואל

## וידבר אלוקים את כל הדברים האלה לאמור (שמות כ–א). מלמד שהיו עונין על הן הן, ועל לאו לאו (רש"י בשם המכילתא)

**אויף** די מצוות "עשה" האבן די אידן געענטפערט: "יא", און אויף די מצוות "לא תעשה" האבן זיי געעטנפערט: "ניין". איז לכאורה שווער, די גמרא זאגט דאך אז די ערשטע צוויי דברות: "אנכי ה' אלקיך", און "לא יהיה אלהים אחרים" איז געזאגט געווארן אויף איינמאהל. דעמאלס איז שווער, וואס האבן די אידן געענטפערט אויף דעם? [ווייל אויף אנכי ה' אלוקיך וואלטן זיי געדארפט ענטפערן "יא" און אויף לא יהי' לך וואלטן זיי געדארפט ענטפערן "ניין"-אז זיי וועלען נישט דינען קיין אפגעטער] נאר די תירוץ איז, אז ווען די אידן האבן געזעהן אז מען קען נישט ענטפערן אויף די צוויי מצוות א איינינגע תשובה, האבן זיי אויסגעשריגן "ה' אלקינו ה' אחד"! וואס דאס איז א גוטע ענטפער אויףביידע מצוות. מיט דעם קען מען טייטשן וואס מיר זאגן אין די זמירות "ובאו כולם בברית יחד, נעשה ונשמע אמרו כאחד, ופתחו וענו ה' אחד" ווען די אידן האבן געזעהן אז זיי קענען נישט ענטפערן קיין ריכטיגע ענטפער אויף די ערשטע צוויי מצוות, האבן זיי באלד אויסגעשריגען: "ה' אחד".

(מהר"ש מבעלזא זי"ע)

# שיינע קרעפיל פשעטיל

**אין** תנא דבי אליהו רבא (פי"ז) שטייט אז אין די צייט וואס די אידן האבן געזאגט "נעשה ונשמע', האט השי"ת באלד געזאגט ויקחו לי תרומה, וצריך ביאור ?

**מען** קען עס פארשטיין לויט דעם וואס די גמרא זאגט אין מסכת שבת (דף ע"ח ע"ב) אז ווען משה איז ארויף אין הימל צו נעמען די תורה האבן די מלאכים געזאגט תנה הודך על השמים ער זאל געבן די תורה אין הימל וכו: האט השי"ת געזאגט פאר משה רבינו אז ער זאל זיי ענטפערן, האט זיי משה רבינו געזאגט אז וואס שטייט אין די תורה לא תגנוב מען טאר נישט גנב'ענען, האט עטץ דען א יצה"ר, און די מפרשים זענען מפרש אז די כוונה איז, ווייל די תורה איז תבלין פאר'ן יצה"ר,

**אזוי** -ווי די חז"ל זאגן אין קידושין (דף מ ע"ב) איך האב באשאפן א יצה"ר אין איך האב באשאפן א תבלין צו דעם, די תורה, קומט אויס אז די מלאכים וואס די יצה"ר איז נישט שולט אויף זיי ברויכן זיי נישט די תורה.

**דער** ספר בני יששכר (לחג השבועות מאמר ימי הגבלה אות י"ט) איז מפרש אז די טענה פון די מלאכים **"תנה הודך על השמים"** איז געווען מכח די טענה פון **"דינא דבר מצרא"** ווייל עס איז דא א הלכה אז איינער האט צו פארקויפן קרקע, וכדומה, דארף מען קודם פארקויפען פאר די שכנים, און דאס האבן די מלאכים גע'טענה'ט אז מיר זענען שכנים פאר השי"ת דארף מען עס געבן קודם פאר אונז די תורה, עס שטייט אבער אין (מסכת בבא מציעא דף ק"ח ע"ב) אז טאמער האט די מוכר א הפסד מוז ער עס נישט פארקויפען פאר א שכן,

**און** לויט דעם וואס מיר האבן געזאגט אז במקום פסידא איז בטל די טענה פון די מלאכים, ווייל השית האט שאדן אויב ער גיט די תורה פאר די מלאכים ווייל די אידן זענען מקיים די תורה במעשה און זיי דארפן זיך שלאגן מיט'ן יצה"ר, אבער די מלאכים קענען נאר מקיים זיין בפנימיות אבער נישט במעשה ווייל זיי האבן נישט קיין יצה"ר איז בטל די דין פון "בר מצרא", ביז דא איז די ווערטער פון הייליגן בני יששכר.

**אבער** עס ווערט געברענגט אין מדרש אז ווען די אידן האבן גאזאגט - **נעשה ונשמע** - איז אויס געריסן געווארן די יצה"ר פון זייער הארץ, קומט דאך אויס אז די תירוץ וואס מיר האבן פריער דערמאנט איז נישט גוט ווייל די אידן קענען אויך נאר מקיים זיין בפנימיות און נישט. במעשה וועט דאך השי"ת דארפן געבן די תורה פאר די מלאכים ווייל זיי זענען דאך שכנים.

**צוליב** דעם האט השי"ת געזאגט **"ויקחו לי תרומה"** און פון דעם געלט **"וע'שו לי מקדש ושכנתי -בתוכם"**, וועט דאך השי"ת זיין א שכן פאר די אידן, אזוי וועלן מיר קענען האבן די תורה, זאל השי"ת העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי תלמוד תורתיך באהבה, און זוכה זיין צו זעהן בבנין השלישי בקרוב במהרה בימינו.

(דברי יואל)

די גמרא זאגט (פסחים ס"ח) אמר רבי אלעזר, הכל מודים "בעצרת" דבעינן נמי "לכם", מאי טעמא? יום שניתנה תורה לישראל הוא: דאס טייטש אז שבועות "דארף מען מאכן א סעודה", ווייל אין דעם טאג האט מען געגעבן די תורה פאר די אידן.

לכאורה איז שווער, עס וואלט דאך געדארפט זיין פונקט פארקערט, אז מען זאל "נישט" מאכן קיין סעודות, ווייל אז מען האט געגעבן די תורה דארף מען זיצן און לערנען?

נאר מען קען דאס פארענטפערין מיט אן אנדערע קשיא. (דער חיד"א ברענגט די קשיא פון מהר"ש פרימו) ווי אזוי מעג מען הנאה האבן פון "עולם הזה" [דער וועלט] עס איז דאך גזילה, ווייל יעקב און עשו האבן זיך צוטיילט מיט די צוויי וועלטן, עשו האט באקומען **עולם הזה** און יעקב האט באקומען **עולם הבא**. ווי אזוי מעגן אידן הנאה האבן פון "עולם הזה" ?

נאר מען קען דאס ענטפערין, ווייל די גמרא זאגט אין מס׳ בבא מציעא **"המציל מזוטו של ים הרי אלו שלו"** דער וואס ראטעוועט אזאך ווערט עס זיינס ! און די אידן האבן געראטעוועט די וועלט עס זאל נישט חרוב ווערן, אזוי ווי די גמרא זאגט (שבת פ"ח) אז השי"ת האט זיך אויסגענימען מיט די וועלט בשעת ער האט דאס באשאפן, "אויב די אידן וועלן מקבל זיין די תורה וועט זיך די וועלט קענען האלטן, און אויב ח"ו נישט וועט עס חרוב ווערן" !! קומט דאך אויס אז דורך דעם וואס די אידן האבן מקבל געווען די תורה קען זיך די וועלט האלטן, האבן מיר אידן געראטעוועט די וועלט [עולם הזה], ממילא איז די גאנצע **"עולם הזה"** אויך אונזער.

דאס איז פשט אין די גמרא. **"הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם"** אז שבועות דארף מען עסן און טרינקן, פרעגט די גמרא **"מאי טעמא"** פארוואס טאקע מעג מען עסן מען וואלט דאך געדארפט לערנען א גאנצן טאג? אויף דעם ענטפערט די גמרא, ווייל עס איז **"יום שניתנה תורה לישראל"** וואס דורכ'ן מקבל זיין די תורה האבן מיר געראטעוועט די עולם הזה ממילא מעגן מיר הנאה האבן פון עולם הזה.

(בני יששכר)

**עליונים ששו וחתונים עלזו בקבלת התורה מסיני:**

לכאורה איז שווער א קשיא, בשלמא די תחתונים האבן זיך געפרייט אז זיי באקומען די תורה, אבער די מלאכים וואס זיי האבן נישט באקומען די תורה פארוואס האבן זיי זיך געפרייד?

אין מדרש שטייט כשהמלכים בקשו לקבל תורה, צר הקב"ה קלסתר פניו של משה דומה לאברהם, ואמר לא זה שאכלתם בתוך ביתו בשר בחלב, אז ווייל די מלכים האבן געגעסן בשר בחלב ביי אברהם אבינו אין שטוב קענען זיי נישט באקומען די תורה, לכאורה איז שווער זיי האבן דאך גארנישט עובר געווען, ווייל אברהם אבינו האט דאך קודם געגעבן די מילך אין נאכדעם די פלייש, אזוי ווי עס שטייט ויקח חמאה וחלב ובן הבקר, אין ביי דעם איז נישט דא די איסור פון בשר בחלב?

מ'קען פארענפערן לויט די טעם וואס די יהודי הקדוש זאגט פארוואס עס איז אסור נאר צו קודם פלייש און נאכדעם מילך, און נישט פארקערט, ווייל פלייש איז דאך דיןאון מילך איז רחמים, און מען פאסקענט אזוי ווי שמואל אז תתאה גבר, אז די זאך וואס ליגט אונטען איז שטערקער פון וואס עס ליגט העכער, וועגן דעם אויב מען טרינקט מילך און און נאכדעם פלייש איז מותר, ווייל די מילך וואס איז רחמים איז שטערקער ווי די פלייש וואס איז דין ווייל עס ליגט אונטן,

אבער צו עסן פלייש און נאכדעם מילך איז אסור, ווייל די פלייש וואס איז דין איז שטערקער פון די מילך וואס איז רחמים ווייל די פלייש איז אונטער די מילך,

דאס איז נאר לויט שמואל אבער לויט רב וואס לערנט אז עילאה גבר איז פינקט פארקערט אויב די פלייש איז פריער איז מותר, ווייל דעי מילך איז שטערקער ווייל עס איז העכער, אין אויב די מילך איז פריער איז אסור ווייל די פלייש איז שטערקער ווייל עס איז נעכער,

די מחלוקות פון די מלכים מיט משה פאר וועם מען זאל געבן די תורה איז תלי און די מחלוקות פון רב מיט שמואל, די מלכים לערנען אזוי ווי רב אז עילאה גבר, זענען זיי שטערקער וויבאלד זיי זענען העכער די אידן, אין הימל, אבער משה רבינו האט געזאגט  אזוי ווי שמואל אז תתאה גבר אונטען איז שטערקער פארדעם קומט זיך די תור פאר די אידן,

קומט אויס אז אויב וואלטן די מלאכים באקומען די תורה איז די דין אז עילאה גבר האבן זי יא עובר געווען אויף די איסור פון בשר בחלב ווייל דעמאלס איז די איסור בשר בחלב אזוי ווי זיי האבן געגעסן קודם די מילך און נאכדעם די פחלייש, דאס האט דער אויבערשטער זיי געזאגט אז אויב מען וועט ענק געבן די תורה וועט אויסקומען אז זיי האבן עובר געווען אויף בשר בחלב

מיט דעם איז פארענפערט פארוואס די צמלאכים האבן זיך געפרייד, ווייל דורך דעם וואס די אידן האבן באקומען די תורה האבן זיי נישט עובר געווען אויפן איסור בשר בחלב

(הרה"ק ישכר דוב מבעלזא זי"ע)

# חודש סיון במדבר סיני

ר"ח סיון — **ראש** חודש זענען די אידן אנגעקומען אין מדבר סיני "ויחן שם ישראל" "כאיש אחד ובלב אחד".

ב' סיון יום המיוחס — "**פארטאגס**" איז משה רבינו ארויף אין הימל. דער אייבערשטער האט איהם געזאגט: ואתם תהי' לי ממלכת כהנים וגו קדוש, אז ער וויל געבן די תורה און מצוות צו די אידן. משה רבינו האט דאס יענע טאג איבערגעזגט צו די אידן. ווען די אידן האבן דאס געהערט האבן זיי געענטפערט "כל אשר דבר ה' נעשה" (יתרו יט-ח)..

ג' סיון שלשת ימי הגבלה — "**פארטאגס**" איז משה רבינו צוריק ארויף, און געזאגט צום אייבערשטען וואס די אידן האבן געזאגט, האט איהם דער אייבערשטער געזאגט אז ער וועט איהם איבערגעבן די תורה, און ער וועט עס איבערגעבן צו די אידן. האבן די אידן געענטפערט "רצוננו לראות את מלכנו" מיר ווילן עס אליין הערן פון דעם אייבערשטן.

ד' סיון — "**פארטאגס**" איז משה ארויף און איבערגעגעבן וואס די אידן האבן געזאגט. האט דער אייבערשטער געזאגט אז די אידן זאלן זיך היינט (ד' סיון) הייליגן און אויך מארגן (ה' סיון) און זיי זאלן זיין גרייט דעם דריטן טאג (ו' סיון) ווייל אין יענע טאג וועט דער אייבערשטער געבן די תורה פאר די אידן. דער אייבערשטער האט געלערנט מיט משה מצוות הגבלה און פרישה. משה רבינו איז אראפגעקומען און האט געלערנט מיט כלל ישראל מצוות פרישה והגבלה, און די שבע מצוות בני נח, הלכות שבת און מצוות כיבוד אב ואם, און פרה אדומה, און דינים. די אידן האב אויף דעם געענפערט "כל הדברים אשר דבר ה' נעשה (משפטים כד-ג) אויך האט משה רבינו אראפגעשריבן די תורה פון בראשית ביז מתן תורה, און אויך די מצוות וואס מען האט געלערנט אין מרה (שבת, כיבוד אב ואם פרה אדומה דינים).

ה' סיון — "**פארטאגס**" האט משה רבינו אויפגעבויעט א מזבח, און מקריב געווען קרבנות עולה ושלמים און געשפריצט בלוט אויפ'ן מזבח. ער האט געלערנט מיט כלל ישראל דאס וואס ער האט נעכטן געשריבן. כלל ישראל האט געזאגט "כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע" (משפטים כד-ז), משה רבינו האט געשפריצט בלוט קעגן די פאלק.

ו' סיון — **ויהי** ביום השלישי בהיות הבוקר וגו' והר סיני עשן וגו' ויהי קול השופר וגו' וירד ה' על הר סיני וגו' דער אייבערשטער האט גערופן משה רבינו און ער האט געהייסן אז ער זאל נאכאמאהל אנווארענען כלל ישראל אז מען זאל נישט צורירן צום בארג. משה רבינו איז אראפ דאס איבערגעבען צו כלל ישראל. דערנאך איז משה צוריק ארויף צו קבלת התורה.

ז' סיון — **דער** אייבערשטער האט געהייסן משה רבינו אז ער זאל ארויפקומען אין הימל פאר 40 טעג צו מקבל זיין די לוחות.[לויט ר"י האט משה רבינו צוגעלייגט נאך א טאג, און קבלת התורה איז געווען היינט, און ער איז ארויף צומארגענס]

# מנהגים

## - בלומען -

**מען פירט זיך אויסצושפרייטן, רויזן און שמעקעדיגע גראז, אין די הייזער און מען שטעלטביימער אין בית המדרש.**

(רמ"א).

**עס שטייט אין ספר אבני המקום** א שיינע טעם ווייל ווען דער אויבערשטער האט אראפגענידערט צו געבן די תורה אויפן בארג סיני, פון דעם גרויסן קדושה, האט אנגעהויבן צו וואקסן אויפן בארג שמעקעדיגע גראז און בלומען, פאר א זכר צו דעם, שפרייט מען אויס שמעקעדיגע גראז און בלומען אין די הייזער

**עס שטייט אין מדרש רבה א טעם:** ר' **עזריה** האט געזאגט "א משל" אין נאמען **פון** ר' **יודא ב"ר סימון**, א קעניג האט געהאט א שיינעם גארטען מיט פארשידענע פרוכט, און ער האט דאס איבער געגעבן פאר א באדינער אז ער זאל דערויף אכטונג געבן נאך א צייט איז דער קעניג געקומען קוקן וואס עס טוט זיך מיטן גארטען, האט ער עס געטראפן אנגעפילט מיט דערנער, האט זיך דער קעניג זייער אויפגערעגט, און ער האט געהייסן מ'זאל ארויסרייסן אלע דערנער פונעם גארטען, אין מיטן שניידן האט דער קעניג באמערקט זייער א שיינעם שמעקעדיגע רויז, ער האט דאס גענומען און געשמעקט, און געזאגט, וועגן דעם רויז וועט מען נישט ארויסרייסן ווייטער די דערנער פונעם גארטען. דער נמשל איז, די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן מ'זאל אפהיטן די תורה, ביי די ערשטע 26 דורות האט דער אויבערשטער געקוקט, און געזען אז זיי זענען זינדיג, האט ער זיי געשטראפט, דער אויבערשטער האט געוואלט חרוב מאכן די וועלט, וויבאלד אבער די אידן האבן געזאגט "נעשה ונשמע" (גלייך צום שמעקעדיגן רויז) האט זיך דער אויבערשטער בארואיגט און ער האט געזאגט אז וועגן דעם וועט ער נישט חרוב מאכן די וועלט, זאגט דער הייליגער בני יששכר זצ"ל, לויט דעם פארשטייט מען דעם מנהג ישראל צו באקרוינען די תורה שבועות מיט רויזן.

אין חי' הר"ם שטייט:ווייל משה רבינו איז געבוירן געווארן ז' אדר אין דעמאלטס האט מען אים באהאלטן אין די הויעכע גראז פאר 3 חדשים, וואס דאס ענדיגט זיך ז' סיון, און אלס זכר לייגט מען ז' סיון ביימער און גראז,

**שבועות** משפט מען די פרוכט פון די ביימער, און מ'דארף מתפלל זיין עס זאל וואקסן גוטע פרוכט, כדי מען זאל גדענקען שטעלט מען די ביימער אין בית המדרש ווי מ'דאווענט

(מג"א סק"ה).

## - תיקון ליל שבועות -

**מען איז אויף א גאנצע נאכט ביזן עלות און מען זאגט תיקון ליל שבועות**

**ווייל** די אידן זענען געשלאפן די נאכט פון קבלת התורה, און דער אויבערשטער האט גדארפטווארטן אויף זיי ביים בארג סיני, וועגן דעם דארף מען אויף זיין שבועות ביינאכט און לערנען, כדי דאס צו פאררעכטן.

**עס** שטייט אין זוהר הק', אז די חסידים הראשונים האבן א גאנצע נאכט געלערענט תורה, אויך פירט מען זיך זיך נישט צו רעדן "דברים בטלים" פון ווען מען זאגט ברכו ביי מעריב, ביז נאך "כתר" פון מוסף. ווער עס שלאפט נישט די גאנצע נאכט, איז פארזיכערט אז ער וועט דורך לעבן דאס יאר בשלום, און עס וועט אים נישט געשען קיין שום שאדן.

(שו"ע הר"י ז"ל)

## - מגילת רות -

**מען זאגט מגילות רות**

**דער טעם פארוואס מ'ליינט רות אין שבועות שטייט** ווייל מ'וויל וויזן אינעם טאג פון מתן תורה אז א מענטש קען נאר זוכה זיין צו די תורה דורך יסורים, אזוי ווי רות האט מיטגעמאכט ביז ווי לאנג זי איז געווארען א איד.

**נאך א טעם שטייט** אז שבועות ווען מיר האבן מקבל געווען די תורה, זענען מיר דאך אלע געווען גרים, וועגן דעם לערנט מען די מעשה פון גרים.

**נאך א טעם שטייט אין ספר ברכי יוסף,** אז אידן האבן מקבל געווען ביי מתן תורה 606 מצוות כמנין רות, (ווייל 7 מצוות פון שבע מצוות בני נח האבן זיי שוין געהאט נאך פון פאר מתן תורה) דערפאר ליינט מען

רו"ת לזכר זה.

(ברכי יוסף)

**אין בנין אריאל שטייט,** אז שמואל הנביא האט אפגעשריבען רות כדי אויסצורעכענען די יחוס פון דוד המלך, און אין ירושלמי שטייט אז דוד המלך איז נפטר געווארען אין שבועות, און די גמרא זאגט אז דער אויבערשטער טוט פארענדיגען די יארען פון די צדיקים, קומט אויס לויט דעם אז דוד המלך איז אויך געבוירען געווארען אין שבועות, דערפאר לכבוד זיין געבורט'ס טאג רעכענען מיר אויס זיין יחוס.

(בנין אריאל)

**אין אוצר המנהגים שטייט** אז דער טעם איז ווייל מ'וויל לערנען אין טאג פון קבלת התורה אלע דריי זאכן ת'ורה נ'ביאים כ'תובים, און תורה לייענט מען דאך, און נביאים איז די הפטורה וואס מ'זאגט, און דערנאך זאגט מען רות וואס איז פון די כתובים, און פארוואס עפעס האט מען אויסגעוועלט פון אלע כתובים דוקא רות?? ווייל רות איז די ערשטע פון אלע כתובים זאגט מען קודם רות.

(אוצר המנהגים)

# - מילכיגע מאכלים -

**עס איז א מנהג אז פאר די יום טוב'דיגע סעודה עסט מען מילכיג'ס (רמ"א) מ'דארף האבן א אנדערע טישטיך ביי די פליישיגע סעודה (מ"ב ס"ק ט"ז) אויך זאל מען זיך גוט אויסשווענקן דאס מויל, פאר די פליישיגע סעודה.**

**עס שטייט אין ספר עטרת ישועה** ווייל מיר מאכן מיט דעם א סיום צו די מצוה פון ספירת העומר וואס מיר האבן געענדיגט, און מ'דארף עס מאכן מיט מילכיג ווייל אויב מ'וועט עס מאכן מיט פליישיג וועט מען גארנישט דערקענען אז דאס איז פאר די מצוה פון ספירת העומר.

ווייל ס'איז אזוי ווי מ'מאכט פסח א זכר מיט די צוויי תבשילין, איינס זכר לפסח און איינס זכר לחגיגה, די זעלבע מאכן מיר שבועות א זכר צו די שתי הלחם וואס מ'האט מקריב געווען שבועות, און לויט דעם דארף מען עסן לחם ממש ווי ס'שטייט אין שו"ע.

ווייל מילך וויזט אויף חסד ווייל ס'איז אַ ווייסע פארב, און דאס וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן די תורה איז נאר מצד החסד, ווי ס'שטייט אין תוי"ט מס' ברכות אז וועגן דעם זאגט מען אויף די תורה די ברכה בָּרְכוּ אֶת ה' א לשון רחמים ווייל די תורה האט מען געגעבן מיט חסד און דאס איז די רמז פון מילך ווי די ר"ת פון להגיד בבוקר חסדך איז חלב.

(בני יששכר)

ווייל די תורה איז געגעבן געווארען שבת און דעמאלס האט מען גע'אסר'ט די בהמות טמאות וואס ביז דעמאלס איז עס געווען מותר, און אויף איינמאל האט מען געדארפט כשר'ן אלע כלים און דאס האט מען נישט געקענט טוהן אין שבת האט מען געגעסן מילכיג ולזכר זה טוען מיר אויך אזוי.

י') ווייל ווען משה רבינו איז ארויף געגאנגען נעמען די תורה האבן די מלאכים ג'טענהט אז מ'זאל זיי געבען די תורה, האט דער אויבערשטער אים אויסגעמאלען ער זאל אויסזעהן אזוי ווי אברהם אבינו, און ער האט זיי געזאגט נישט ביי אים האט איר געגעסן מילך און פליישיג, און איר ווילט נאך נעמען די תורה? זענען זיי שטיל געבליבן האט דער אויבערשטער געזאגט זעהסט אין זכות פון אברהם אבינו האט איר באקומען די תורה, לזכר דעם אז אין זכות פון מילך האבן מיר באקומען די תורה עסט מען מילכיג.

# - קרעפליך -

**עס איז א מנהג צו עסן קרעפלך ביי די מיליכיגע סעודה,**

**אין** ספר שיח שרפי קודש שטייט, אז די וועלט זאגט אז ווען מ'שלאגט - עסט מען קרעפלעך, דאס הייסט - פורים שלאגט מען ווען מ'לייענט המן, ערב יום כיפור שלאגט מען מלקות, און הושענא רבה שלאגט מען הושענות .

**אויב** אזוי איז שווער פאר וואס עסט מען שבועות קרעפלעך ווען שלאגט מען דעמאלס?

**האט** הרה"ק מ'גאסטינין זי"ע געזאגט, אז אין שבועות וואס איז די טאג פון מתן תורה וואס די תורה איז אקעגען יצה"ר, קומט אויס אז אין דעם טאג שלאגט מען זיך מיט'ן יצה"ר, דערפאר עסט מען קרעפלעך .

**די מנהג איז אז עס האט 3 עקן**

**שטייט** אין ספר שיחות חכמים, אז דאס איז מרמז צו זיין אז די תורה איז צוזאם געשטעלט פון אלע דריי זאכן, תנ"ך, און אין דריטען חודש, אא"וו ווי ס'איז אויסגערעכענט אין מס' שבת .

**און** אין ספר ישמח ישראל שטייט אז דאס איז מרמז צו זיין אז די תורה איז א תורת אמת, וואס די דריטער פון די אבות איז געווען יעקב וואס איז געווען מדת אמת .

אויך איז דא א מנהג צו מאכן די חלות אין שבועות לענגלעכיג און פיר עקעדיג. מרמז צו זיין אויף די שתי הלחם וואס האט אויסגעזעהן, **אין** ספר יוסף אומץ שטייט אז מ'פלעגט מאכן אין שבועות א מולייתא (א מין אנגעפילטע מאכל) וואס האט געהאט די אויסזעהן פון א לייטער פון זיבן טרעפ, און דאס איז געווען א זכר צו די זיבן הימלען וואס דער אויבערשטער האט געפענט בשעת מתן תורה צו וויזן אז ער איז איינער און אין עוד מלבדו.

# - תפלה -

**דער** יום טוב איז א ספעציעלע צייט וואס מ'דארף מתפלל זיין, אז מ'זאל זוכה זיין צו פארשטיין און קענען געדענקען די הייליגע תורה, און מ'זאל זיין א אמת'דיגער ערליכער איד, דער אויבערשטער זאל מקבל זיין אונזערע תפילות ברחמים וברצון אמן.

## אהבה רבה

**מ'האט** מגלה געווען פארן בעל שם טוב זי"ע, אז פאר דעם קומט נישט משיח, ווייל מ'זאגט "אהבה רבה" זייער שנעל און מען האט נישט אינזינען די ריכטיגע כוונה (תולדות פ' ויקהל), שבועות וואס איז דער זמן פון קבלת התורה, דארף מען די תפילה צו זאגן מיט מער כוונה, ווי א גאנץ יאר.

## מסכת בכורים

היינטיגע צייטן קען מען מקיים זיין די מצוה פון ביכורים, דורך דעם וואס מען לערענט מסכת בכורים

(ליקוטי צבי)

## מען רעדט נישט אויס פון "ברכו" ביז נאך "כתר".

**עס** שטייט פון אר"י הק', אז די אלע תפילות און אלעס וואס מ'האט געלערענט די גאנצע נאכט, (תיקון ליל שבועות) גייט ארויף אין הימל בשעת מען זאגט "כתר" און זיי ווערן א קרוין פארן אויבערשטען.

## מען זאגט אקדמות.

**ווייל** דארט שטייט די לויב פונעם אויבערשטען, און פון די אידן און פון די תורה, און דעם שכר וואס מ'וועט באקומען ווען משיח וועט קומען, פארן מקיים זיין די מצות.

(ליקוטי מהרי"ח)

# די גרויסקייט פון זאגן תהלים אין שבועות

**משה** רבינו האט געגעבן די פינף חומשים פאר די אידן און דוד המלך האט געגעבן די פינף ספרים פון תהילים פאר די אידן.

(מדרש שוח"ט)

**די** אלע שירות ותשבחות וואס דוד המלך האט געזאגט זענען געזאגט געווארען מיט גרויסע סודות ווייל קודם האט אויף אים גערוהט די שכינה און דערנאך האט ער געזאגט די פסוקים.

(זוהר הק')

**דוד** המלך האט געבעטען פון השי"ת יהי רצון אז די שירות ותשבחות וואס איך האב געזאגט זאל שטענדיג געזאגט, ווערן אין אלע בתי כנסיות ובתי מדרשות יעדען טאג.

(מדרש שוח"ט)

**דער** אויבערשטער האט געזאגט פאר דוד המלך דיין תורה וואס די לערנסט איין טאג איז מיר בעסער פון טויזענט קרבנות וואס דיין זון שלמה וועט מיר מקריב זיין אין ביהמ"ק.

(שבת ל)

ווען נישט די תפלה פון דוד המלך וואלט'ן אלע אידן פארקויפט פסולת.

(סוטה מ"ט)

**דער** אויבערשטער האט געזאגט פאר דוד המלך די זיי נאר עוסק אין דיין תורה און שירות ותשבחות און איך וועל שוין פירן דיינע מלחמות.

(מדרש שוח"ט)

**דוד** המלך האט געבעטען פון אויבערשטען אז ווער ס'זאגט תהילים זאל זיין חשוב ביים אויבערשטען ווי גלייך ער לערנט נגעים ואהלות וואס דאס איז פון די שווערסטע הלכות.

# ווער האט נישט געוואלט די "תורה"

**אין פרקי דר' אליעזר** (פרק מ"א) שטייט אז דער אויבערשטער איז געגאנגען צו אלע פעלקער און ער האט זיי געפרעגט צו זיי ווילען די תורה, האבן זיי געענטפערט, מיר קענען נישט איבערלאזן די וועגן וויאזוי אונזערע עלטערען האבן זיך געפירט, און בעסער געב די תורה פאר די אידן ווי עס שטייט אין פסוק ה' **עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן**, אז דער אויבערשטער געט די תורה [וואס ווערט אנגערופען "עוז"] פאר זיין פאלק די אידישע קינדער.

**אין ספרי** (פרשת וזאת ברכה) שטייט ווען דער אויבערשטער האט געוואלט געבען די תורה פאר די אידן איז ער קודם געגאנגען צו די בני עשו, און זיי געפרעגט צו זיי ווילען מקבל זיין די תורה, האבן זיי געפרעגט וואס שטייט דארט? האט דער אויבערשטער געזאגט "**לא תרצח**", האבן זיי געענטפערט אונזער גאנצע יחוס איז דאס מיר קענען הרגענען ווענען מיר ווילען, ווי ס'שטייט אין פסוק וְעַל חַרְבְּךָ תִחְיֶה, און דאס ווילסטו פון אונז צו נעמען?

**דער** אויבערשטער איז געגאנגען צו די מענטשען פון עמון און מואב, און האט זיי געפרעגט צו זיי ווילען נעמען די תורה, האבן זיי אויך געפרעגט וואס שטייט דארט, האט דער אויבערשטער געענטפערט "**לא תנאף**", האבן זיי געזאגט מיר זענען געווארען א פאלק נאר דורך זנות, ממילא קענען מיר נישט נעמען אזא תורה.

**איז** דער אויבערשטער געגאנגען צו די מענטשען פון ישמעאל, און האט זיי געפרעגט צו זיי ווילען נעמען די תורה, האבן זיי אויך געפרעגט וואס שטייט דארט, האט דער אויבערשטער געענטפערט "**לא תגנוב**", האבן זיי געענטפערט אונזער מעלה איז אז מיר זענען יא גנבים ווי ס'שטייט ביי אונזער טאטען ישמעאל יָדוֹ בַכֹּל - ער האט איבעראל דערגרייכט און געגאנבעט (ווי רש"י טייטש דארט לסטים - רויבער'ס).

**אזוי** איז דער אויבערשטער געגאנגן פון איין פאלק צום צווייטען און יעדער האט אים געשיקט צו א צווייטען, ביז ער איז געגאנגען צו די אידן.

**אין זוהר הקדוש** שטייט דער אויבערשטער האט געלאזט רופען דעם ס"ם וואס ער איז די שר פון עשו, און אים געפרעגט, צו ער וויל די תורה האט ער געפרעגט וואס שטייט דארט? האט אים דער אויבערשטער געזאגט "**לֹא תִרְצָח**" האט ער זיך געבעטען ביים אויבערשטען מיין גאנצע ממשלה וועט אונטער גיין ווייל איך גיי צוזאמען מיט'ן מזל מאדים, און אזוי וועט עס נישט גיין, גיב די תורה פאר די אידן, האט אים דער אויבערשטער געבעטען עטליכע מאל דו ביסט דער בכור און דו דארפסט נעמען די תורה, האט ער ווייטער געזאגט איך האב שוין אויפגעגעבען מיין חלק בכורה, האט אים דער אויבערשטער געזאגט געב מיר עפעס א עצה וויאזוי אונטערצוקויפען די אידן אז זיי זאלען יא וועלען די תורה? האט ער געענטפערט געב זיי פון ליכטיקייט פון דיינע אורות און זיי וועלען מסכים זיין, און איך וועל אפילו געבען פון מיין ליכטיקייט פאר זיי, האט אים דער אויבערשטער געזאגט דעמאלס געב קודם פון דיין אור וואס כ'האב דיר געגעבען, און אזוי איז טאקע געווען די ס"ם האט געגעבן פון זיין אור.

**דערנאך** איז דער אויבערשטער געגאנגען צום שר פון ישמעאל וואס ער הייסט רהב, און אים געבעטען צו נעמען די תורה, האט ער געפרעגט וואס שטייט אין די תורה? האט דער אויבערשטער געזאגט "**לֹא תִנְאָף**" - מ'טאר נישט חתונה האבן מיט זנות, האט ער אנגעהויבען צו שרייען אוי לי - ווי איז מיר צו נעמען אזא תורה, איך בין דאך געבענטש געווארען מיט די ברכה פון **פרו ורבו** און איך וועל מיך מערען, און יעצט אז איך טאר נישט חתונה האבן מיט געוויסע מענטשען, וועל איך מיך נישט קענען פארמערען, און ער האט זיך געבעטען רבוש"ע צוויי קינדער האט "**אברהם**" געהאט - יצחק - און - ישמעאל -, גיב די תורה פאר די קינדער פון יצחק, האט דער אויבערשטער געזאגט ניין! איך קען נישט ווייל דו ביסט דער בכור. האט ער געענטפערט, איך בין מסכים אוועק צו געבען דעם אור וואס די האסט מיר געגעבען אלס בכור, פאר די אידן, און אזוי האט טאקע דער אויבערשטער געטוהן, ער האט אוועקגענומען די אור און מיט דעם איז ער געגאנגען צו די אידן.

**און** דער זוהר הקדוש איז מסביר אז פון די אור וואס דער

אויבערשטער האט צוגענומען פון עשו, וואס איז באוויסט אז ער האט די מדה פון רציחה, און האט עס געגעבן פאר די אידן, און די אידן ניצען עס ביים בית דין ווען ס'פעלט אויס ביי א רוצח, און די אור וואס ער האט גענומען פון ישמעאל וואס האט געהאט די ברכה זיך צו פארמערן, האבן עס די אידן באקומען און זיי טוען זיך פארמערן.

**אזוי** איז דער אויבערשטער געגאנגען פון איין פאלק צום צווייטן, און אלע האבן אוועקגעגעבן מתנות פאר די אידן, און מיט דעם טייטש דער **פלא יועץ** דעם פסוק אַף חוֹבֵב עַמִּים כׇּל קְדוֹשָׁיו בְּיָדֶךָ, אז דער אויבערשטער האט ליב געהאט די גוים, און ער איז זיי געגאנגען פרעגען צו זיי ווילען די תורה, און דאס אלעס האט ער געטוהן ווייל כל קדושיו בידיך - אז ער זאך קומען צו גיין צו די אידן מיט מתנות אין די הענט.

**און** דער זוהר הקדוש ברענגט א משל, צו א דאקטער וואס האט געהאט זייער א גוטען מעדעצין, און ער האט מורא געהאט אז אזוי ווי ער האט אסאך שלעכטע קנעכט און אז זיי ועלען געוואויר ווערן פון דעם מעדעצין וועלען זיי אים הרג'ענען, און צונעמען די מעדעצין, האט ער ארויף געלייגט אויף די מעדעצין א סם וואס מ'שטארבט דערפון, און ער איז געגאנגען צו זיינע קנעכט און מכבד געווען צו פארזוכען דערפון, אזוי ווי זיי האבן פארזוכט האבן זיי באלד געזעהן וואס זיי האבן דא געגעסען, האבן זיי גזאגט פאר זייער הער, יא! דאס איז זייער א גוטע עסן, און אזא גוטע זאך דארפסטו געבען פאר דיין זון, ווייל זיי האבן געטראכט אז זיי וועלען ירשענען דעם הער, און זיי האבן אפילו געזאגט אז זיי געבען אוועק פון זייער געהאלט, מ'זאל איבערעדען די זון צו נעמען דעם מעדעצין.

**די** נמשל איז, דער אויבערשטער האט געוואלט געבען די תורה פאר די אידן, אבער ער האט מורא געהאט אז די גוים וועלען מקנא זיין די אידן און זיי רודפ'ן, איז ער געגאנגען צו זיי קודם און אנגעטראגען די תורה, און ער האט זיי עס ביטער געמאכט, האבן זיי געזאגט געב עס פאר דיין זון, און מיר וועלען נאך צו געבען מתנות פאר זיי, און אזוי ארום האבן זיי נישט געטשעפעט מיט די אידן.

# ווי אזוי האט אויסגעזעהו די "קבלת התורה"

אין יאר צוויי טויזענט, פיר הונדערט, אכט און פערציג, צו בריאת העולם איז די תורה געגעבען געווארען, אין דעם טאג ז' סיון, אין שבת קודש, גאנץ פרי איז געווען קולות וברקים און יעדע קול איז געווען אנדערשט ווי די פריעדיגע, און א שטארקען קול פון א שופר, און דאס איז געווען ווי א מודעה אז די שכינה איז אראפגעקומען, די קולות זענען געווען באמת פון מלאכים וואס האבן געלויבט דעם אויבערשטען, און די אידן זענען נאך דעמאלטס געשלאפען און מ'האט זיי געדארפט אויפוועקען, און ווען די אידן האבן דערהערט די קולות, האט זיי אנגעכאפט א פחד און א שרעק, אבער משה האט געשטארק'ט זייער הארץ, און ער האט זיי ארויסגעפירט אקעגען דעם אויבערשטען, און דער קול פונעם שופר איז געווארען שטערקער און שטערקער, די אידן האבן זיך געשטעלט אונטערן בארג סיני וואס איז געווען דורכזיכטיג ווי א גלאז, און דער בארג האט זיך אויסגעריסען און געשטעלט העכער די אידן, און דעמאלטס האבן די אידן מקבל געווען אויף זיך אז זיי גייען אויך איינהאלטען די תורה שבעל פה, וואס ביז דעמאלטס האבן זיי דאס נישט געוואלט, און זיי האבן מקבל געווען אז זייערע קינדער וועלען זיין ערבים, און דערנאך איז די בארג צוריק אויף זיין פלאץ ווי פריער, די אידן זענען ווייטער געשטאנען נעבען די בארג מענער און פרויען עקסטער און זענען דארט געשטאנען מיט א אימה און א פחד און א פארכט, און שוין געווארט ווען דער אויבערשטער וועט אראפקומען אויף דער בארג סיני, און פלוצלינג איז דער בארג אליין דערציטערט געווארען און א רויך איז פון איר ארויסגעגאנגען ביז'ן הימל, און דער אויבערשטער איז ארפגעקומען אויפ'ן בארג, און ס'איז דארט געווען דריי מחיצות חושך, ענן, ארפל, און ס'איז געווען זיבן מחיצות פון פייער, און די אידן זענען דארט געשטאנען רואיג און נישט מורא געהאט, און דער אויבערשטער האט אראפגעברענגט זעקס טויזענט מלאכים אקעגען וויפיל אידן זענען געווען אין מחנה ישראל, און נאך צוויי און צוואנציג טויזענט מלכים, וואס זענען געווען נענטער צו די שכינה, אקעגען וויפיל אידן זענען געווען אין מחנה לויה און די אידן האבן געהאט די זכיה זיי צו זעהן, און דער אויבערשטער האט געזאגט פאר'ן בארג סיני זאל זיך אויסברייטערען ווייל די מלאכים

קומען אראפ, און אזוי איז טאקע געווען ס'איז געווארען ברייטער די גאנצער ערד אונטער זיי און די בערג האט געציטערט, און אלעס האט גע'רעשט, און דיביימער האבן זיך געבויגען און די מתים זענען געווארען לעבעדיג און די גרויסע בערג הר תבור און הר כרמל זענען אויך געקומען צו גיין, אזוי אויך אלע בערג פון די וועלט האבן געהאלטען אין איין רודערען און גיין ארויף און אראפ, ביז דער אויבערשטער כביכול האט אויסגעשפרייט זיינע הענט און זיי האבן זיך בארואיגט, און דערנאך האט דער אויבערשטער אויפגערודערט אלע זיינע מענטשען פון די וועלט און אלע פעלקער זענען געקומען צו לויפען פון שרעק, און געלאפען צו זייער נביא בלעם און געפרעגט צו דער אויבערשטער וויל ברענגען א מבול אויף די וועלט, און ער האט זיי געענטפערט ניין !!!, נאר ה' עוז לעמו יתן וכו' - אז דער אויבערשטער געבט די תורה פאר די אידן, און זיי זענען זיך צוגאנגען יעדער צו זיין הויז און פאר דער אויבערשטער האט געזאגט דער ערשטער דיבור האט ער שטיל געמאכט די גאנצע וועלט, א פייגעל האט נישט געשריגען, א עוף איז נישט געפלויגען, א אקס האט נישט געברימט, און אפילו די מלאכים האבן נישט געזאגט קיין שירה, און די ים איז נישט געלאפען, און קיין מענטש אויף די וועלט האט נישט גערעדט. און די זון איז נישט געגאנגען, נאר יעדער איז געווען שטיל און דאן האט דער אויבערשטער געזאגט דעם ערשטען דיבור "אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים". און די אידן האבן פון דעם געהערט צוויי דברות. און פון שרעק זענען אלע געשטארבן, און די תורה אליין איז געגאנגען און געבעטען אז די אידן זאלען צוריק ווערן לעבעדיג, און דער אויבערשטער האט אראפגעברענגט א טל וואס גייט מאכן לעבעדיג ווען משיח וועט קומען, און די אידן זענען געווארען צוריק לעבעדיג און זיי האבן געבעטען אז משה רבינו זאל מיט זיי רעדען און נישט דער אויבערשטער ווייל זיי האבן מורא אז זיי וועלען נאכאמאל שטארבן, אבער משה רבינו האט פון גרויס עניוות נישט געוואלט, אבער דער אויבערשטער האט געשיקט זיינע מלאכים מיכאל און גבריאל, זיי האבן אנגעכאפט משה רבינו און צוגעברענגט צו די וואלקען ערפל, און ס'איז געווארען א וועג אין די וואלקען, און ס'איז געווארען צוויי גרויסע מויערען פון ערפל און משה רבינו איז געגאנגען אינדערמיט, און אנגעקומען אריינציר פון אלע דריי מחיצות חושך ענן וערפל, אלע אידן האבן געזעהן די אלע קולות און פלאמען, און משה רבינו גייט צו דארט ווי דער אויבערשטער איז געווען, און דער אויבערשטער האט געזאגט משה! משה! גיי און זאג פאר די אידן די תורה, און אלע דיבורים וואס דער אויבערשטער האט געזאגט איז ארויס געקומען פון די רעכטע זייט פון אויבערשטען צו די לינקע זייט פון די אידן, און צוריק געגאנגען צום אויבערשטען, אלע דיבורים האבן פון זיך אליין אריינגעקריצט אין די לוחות, און יעדע דיבור האט גערעדט צו די אידן און געפרעגט "ווילסטו מיך האלטען און געזאגט אלע הלכות וואס איז דא אין די דיבור", און די אידן האבן געענטפערט יא!!, און די אידן האבן געקוקט אויף יעדען דיבור או געזעהן דערין אלע הלכות וואס ליגט אין זיי, אלע סודות וואס ליגען דערין, דער קול האט זיך צוטיילט אין 70 קולות כדאי אויך די 70 פעלקער זאלען אלעס פארשטיין, כדאי די גוים זאלען נישט קענען זאגן ווען מיר וואלטען ווען פארשטאנען וואס דער אויבערשטער זאגט וואלטען מיר אויך מקבל געווען די תורה, ביי יעדען דיבור איז די וועלט געווארען אנגעפולט מיט בשמים, ביי יעדען דיבור זענען די אידן געפלויגען אויף צוריק 12 מיל, און די מלאכי השרת האבן זיי צוריק געברענגט.

און די אידן זענען זייער מיד געווארען פונעם טאג, האט דער אויבערשטער ארויס גענומען א מין טל, וואס האט זיי געגעבען כח אויף ווייטער, און אלע אידן זענען געווארען אויסגעהיילט פון זייערע פעלער'ס און קרענק ר"ל וואס זיי האבן געהאט, און די חטא פון אדם הראשון איז געווארען אראפגעווישט פון יעדעם איינעם, און זענען געווארען פריי פון שיעבוד גליות, און פון מלאך המות, און די דור וואס איז דארט געווען איז שוין אייביג געבליבען ריין פון אלע טומאות, און ס'האט נישט שולט געווען אויף זיי קיין רמה ותולעה סיי ביי זייער לעבן און סיי ביי זייער טויט, און ווי די של"ה הקדוש זאגט אויף זיי אשריהם בעולם הזה. ואשריהם בעולם הבא, ועליהם הכתוב אומר אשרי העם שככה לו.

# פינעף נעמען פון יו"ט

## א) חג הקציר

אין פסוק שטייט "וחג הקציר ביכורי מעשיך אשר תזרע בשדה", (שמות כ"ג) דאס מיינט דער יו"ט וואס קומט אויס אין די צייט וואס מ'שניידט די תבואה. איןאברבנאל שטייט אז דער יו"ט קומט אויס אין די צייט וואס מ'שניידט וויין, און מ'ברענגט א קרבן דערפון.

אין ספורנו ווערט געברענגט אז די עיקר פון יעדען יו"ט איז צוגעבען א לויב פאר'ן אויבערשטען אויף די גוטע זאכן וואס ער טוט אונז, און די עיקר הצלחה פון די נייע שניט ווענדט זיך זייער אסאך אין די וועטער צווישען פסח און שבועות א.ד.ג. דערפאר האט מען געמאכט דעם יו"ט שבועות צוגעבען א שבח והודיה, פאר'ן אויבערשטען, אז די שניט פון די יאר איז געלונגען, און דערפאר הייסט עס טאקע חג הקציר.

אין רמב"ן שטייט זייער ענליך, אז די עיקר וואס מ'איז געגאנגען עולה רגל זיין, איז צו לויבן דעם אויבערשטען אויף די גוטע זאכן וואס ער טוט אין פעלד, און דערפאר זענען אלע ימים טובים איינגעטיילט אין די זמנים פון פעלד, פסח - וואקסט די תבואה. שבועות - שניידט מען. און סוכות נעמט מען עס אריין אין שטוב, און דערפאר הייסט דער יו"ט שבועות חג הקציר, ווייל דער יו"ט איז טאקע ווענן די נייע שניט.

## ב) חג השבועות

אין פסוק שטייט (שמות ל"ד) "וחג שבועות תעשה לך בכורי קציר חיטים" און נאך עטליכע מאל ווערט עס אנגערופען מיט דעם נאמען.

אין ספר לב דוד שטייט דער טעם ווייל דער יו"ט קומט נאכ'ן ציילען ספירה עטליכע וואכן, דערפאר ווערט דאס אנגערופן שבועות א לשון פון וואכן.

אין ספה"ק אהבת שלום שטייט ווייל אלע הייליגע זאכן איז מיט די נומער 7 ווי צום ביישפיל די זיבעטע טאג פון די וואך איז שבת, און די זיבעטע יאר איז שמיטה, און נאך די זיבעטע שמיטה איז יובל. און אויך דער יו"ט "שבועות" איז נאך 7 וואכן ציילען ספירה, צו ווייזן די קדושה פון דעם יו"ט.

אין ספר טור ברקת שטייט אז דאס איז א לשון פון שבועה, אז דער אויבערשטער האט געשווארען אז ער וועט אונז קיינמאל נישט איבערלאזן, לויט דעם איז דאך שווער אז מען וואלט דאך דעמאלטס געדארפט רופען דעם יום טוב מיט א לשון יחיד "שבועה" און פארוואס הייסט די יו"ט שבועות?

דער אור החיים הקדוש זאגט אז די טעם איז ווייל ביי מתן תורה האבן מיר געשוואוירן פאר השי"ת אז מיר וועלען בלייבן זיין פאלק, און ער האט געשוואוירען פאר די אידן אז ער וועט זיי נישט אויפטוישן איז דאך געווען צווי שבועות וועגן דעם הייסט דער יו"ט שבועות.

## ג) יום הביכורים

אין פסוק שטייט (במדבר כ"ח) וביום הביכורים בהקריבכם מנחה חדשה לה' בשבועותיכם.

אין רש"י שטייט אז וועגן דעם ווערט עס אנגערופען ביכורים, ווייל מ'האט געברענגט א מנחה (שתי הלחם) וואס איז געווען געמאכט פון די נייע תבואה.

אין שפת אמת שטייט אז וועגן דעם הייסט עס ביכורים ווייל דאס איז א לשון פון באנייען, און אין דעם יו"ט שבועות ווערט באנייט די גאנצע בריאת שמים וארץ, ווייל די תורה ווערט געגעבען נאכמאל פאר די אידן.

## ד) עצרת

די חכמים האבן עס אזוי אנגערופען, אין די משנה מס' ר"ה און נאך ערטער, דאס איז באמת א לשון תרגום, אופ'ן ווארט בשבועותיכן זאגט די תרגום "בעצרתיכון".

דער טעם פארוואס דער יו"ט ווערט אויך אנגערופען עצרת שטייט אין שפת אמת, אז ראש השנה ווערט יעדעס יאר באנייט די גאנצע בריאה, און דערנאך מאכט מען א יו"ט סוכות וואס מ'איז מקריב די ע' פרים, וואס דאס איז מרמז אויף די 70 פעלקער. און נאך די אלע ימים טובים מאכט מען איין טאג שמיני "עצרת" וואס דאס איז מיוחד ספעציעל נאר פאר די אידן אליין, די זעלבע זאך איז ביי דעם יו"ט, נאכדעם וואס מ'איז שוין דורך דעם יו"ט פסח, און אויך שוין געציילט ספירה זיבן וואכן, זאגט דער אויבערשטער איין טאג וויל איך האבן פאר מיר עקסטער, איך מיט די אידן אליין, און וועגן דעם הייסט דער יו"ט עצרת צו ווייזן אז דעם טאג האט דער אויבערשטער אפגעשיידט פאר די אידן אליין.

ענליך צו דעם שרייבט דער קדושת לוי, מיט די הקדמה, אז מ'זעהט

ווען איינער ענדיגט א מסכתא מאכט מען א סיום, לכאורה דארף מען פארשטיין וואס מאכט ער עפעס יעצט א שמחה, ס'איז דאך שוין נאך די מצוה, נאר דער טעם דערפון איז לויט ווי רש"י ברענגט דער טעם פון שמיני עצרת, א משל צו א קעניג וואס האט געמאכט א סעודה פאר אלע זיינע שרים עטליכע טעג, ווען מ'האט געענדיגט מיט די סעודות, האט דער מלך געזאגט, יעצט וויל איך מאכן נאך איין קליינע סעודה, אז ס'זאל בלייבן גוט אין זכרון, די זעלבע איז ביי שמיני עצרת, זאגט דער אויבערשטער נאך די אלע טעג סוכות וויל איך נאך איין טאג פאר א יו"ט און דאס איז שמיני עצרת, זאגט דער קדושת לוי, אז דא ביי שבועות הייסט דער יו''ט שבועות, ווייל מיר האבן יעצט געענדיגט די מצוה פון ספירת העומר, און דער אויבערשטער זאגט איך וויל נאך בלייבן מיט ענק עטליכע טעג, איז דאס די זעלבע בחינה ווי שמיני עצרת, דערפאר רופן חז"ל דעם יו"ט עצרת.

נאך ברענגט דער קדושת לוי זי"ע, נשאלתי ממדינת ליט"א, מ'האט מיך געפרעגט פון ליט"א, פארוואס רופט מען דעם יו"ט עצרת, אין די תורה ווערט דאך עס נישט אזוי אנגערופען? נאר האב איך זיי געענטפערט ווייל ביי יעדען יו"ט איז דא מצוות היום וואס צוטוהן אין דעם טאג ווי מצה און עסן אין די סוכה. אבער שבועות איז נישט דא א ספעציעל מצוה וואס צו טוהן, איז די איינציגע זאך וואס איז אנדערשט ווי אלע טעג, איז דאס מ'טאר נישט ארבעטען און טוהן א מלאכה, נאר מ'דארף זיין איינגעהאלטען פון די ארבעט, וועגן דעם ווערט דער יו''ט אנגערופען "עצרת" וואס דאס איז די טייטש "איינגעהאלטען" ווייל דאס איז די איינציגע מצוה פון טאג.

לויט ווי דער רמב''ן טייטש דעם פסוק "מה תעירו ומה תעוררו את האבהא עד שתחפץ", אז ס'איז דא ווען ס'קומט אריין פאר א מענטש א התעוררות צו עבודת הבורא ברוך הוא, דארף ער זעהן תיכף צומאכן א כלי (האלטער) דערפאר, דאס הייסט טוהן א מצוה א.ד.ג. כדי ס'זאל בלייבן פון די התערורות, דאס טייטש דער רמב"ן מה תעירו וכו' - אויב ס'קומט א התעוררות פאר א מענטש, איז עד שתחפץ - דארף מען מאכן דערפאר א כלי (חפץ מלשון כלי), זאגט דער קדושת לוי אז בשעת מתן תורה איז אראפ געקומען אויף די אידן א געוואלדיגע התעוררות, און משה רבינו האט געזוכט א גוטע זאך ס'זאל בלייבן פון די התעוררות, האט ער נאכנישט געטראפען א מצוה, ווייל ס'איז געווען פאר מתן תורה, האט ער געטראפען די מצוה אז מ'זאל זיין איינגעהאלטען און נישט צוגיין צום בארג, די מצוה איז געווען א כלי אז די התעוררות זאל בלייבן, ממילא לזכר דעם הייסט דער יו"ט עצרת - איינגעהאלטען לזכר פון דעם.

דער בני יששכר ברענגט אראפ די ווערטער פון קדושת לוי אין מאמר שם החג, און ער פרעגט דערויף, אז היינטיגע צייטן אז ס'איז יא דא מצוות מיט וואס צו מאכן א כלי, אויב אזוי פארוואס הייסט עס היינטיגע צייטן אויך מיט'ן נאמען עצרת? נאך מער פרעגט ער, אז די נאמען עצרת שטייט דאך נישט אין די תורה, נאר חכמינו ז"ל האבן דאס צוגעגעבען, אויב אזוי איז דאך זייער שווער צו זאגן דעם טעם ווייל אין זייערע צייטן איז דאך שוין זיכער געווען מצוות מיט וואס צו מאכן א כלי? נאר – ערקלערט דער בני יששכר - דער טעם פארוואס ס'הייסט עצרת איז, ווייל פסח ביינאכט קומט אראפ א גרויסע השפעה פאר אידן, אבער אזוי ווי דאס קומט אראפ פון זיך אליין און נישט דורך אונזער ארבעט, בלייבט עס נישט איבער אויף נאך פסח, נאר ס'גייט אוועק פון אונז, האט דער אויבערשטער געהייסען ציילען ספירה און טוהן פארשידענע זאכן אז מיר זאלען אליין דורך אונזערע מעשים זוכה זיין צו די השפעה און די אורות וואס קומען אראפ, און דאס וואס מיר זענען זוכה דורך אונזערע מעשים בלייבט יא איבער אויף אייביג, און וועגן דעם הייסט דער יו''ט עצרת. ווייל דאס איז א לשון פון איינהאלטען, אז די אלע השפעות וואס מיר זענען זוכה אין דעם יו"ט בלייבט איבער ביי אונז אויף אייביג.

## ה) זמן מתן תורתינו

ביים דאווענען רופען מיר דעם טאג זמן מתן תורתינו, ווייל דאס איז די טאג וואס דער באשעפער האט אונז געגעבן די תורה הקדושה, דערפאר רופען מיר דאס אן זמן מתן תורתינו די צייט וואס מען האט אונז געגעבן אונזער תורה,

אין קדושת לוי שטייט דאס זמן מתן תורתינו מיינט דאס יעדער מענטש אפילו היינט צוטאגס איז זוכה צו א פרישע קבלת התורה לויט ווי ער האט זיך צוגעגרייט, דאס איז פשט מתן תורתינו - אונזער תורה.

# חשיבות לימוד התורה

## וויפיל מצוות איז דא אין איין מינוט לערנען תורה ! ! !

דער חפץ חיים מאכט א חשבון אז אין איין מינוט קען א מענטש זאגן 200 ווערטער.

דער גר"א זאגט (אין פירוש המשניות) אז יעדער ווארט תורה אפילו אין אידיש, איז א מצוה מן התורה, קומט אויס אז אין איין מינוט לערנען תורה, איז מען מקיים 200 מצות. **200 מצוות**

ר' אברהם דער ברודער פון דעם גר"א שרייבט אז ווען מען איז מקיים א מצוה וואס שטייט אין די תורה עטליכע מאהל איז מען מקיים דעם מצוה וויפיל מאהל עס שטייט אין די תורה. די מצוה פון לימוד התורה ווערט אויסגערעכנט 63 מאהל אין תנ"ך, קומט אויס אז יעדער מינוט לערנען תורה איז מען מקיים 200 X63 = **12,600 מצוות**

אין אבות דר' נתן שטייט אויף דער משנה פון "לפום צערא אגרא" אז א מצוה וואס מען איז מקיים מיט צער און יגיעה באקומט מען שכר 100 מאהל אזוי פיל, קומט אויס אז איין מינוט לערנען תורה מיט יגיעה איז 12,600 X 100 = **1,260,000 מצוות**

אין אורחות צדיקים (שער השמחה) ווערט געברענגט אז אויב מען איז מקיים א מצוה מיט שמחה באקומט מען שכר 1,000 מאהל אזוי פיל. קומט אויס אז איין מינוט לערנען תורה מיט יגיעה און שמחה איז 12,600 X 1,000 = **12,600,000 מצוות**

אין בן איש חי שטייט אז די תורה וואס מען לערנט שבת איז 1,000 מאהל אזוי פיל ווי אין די וואכן. קומט אויס אז אויב מען לערנט תורה מיט יגיעה און שמחה אום שבת איז 12,600,000 X 1,000 = **12,600,000,000 מצוות**

# ר' מאיר ש"ץ בעל אקדמות

און יאהר ד' אלפים תשס"א, איז צווישן די גוים אין דייטשלאנד געווען א גלח א גרויסער שונא ישראל. מיט דעם כח פון כישוף און חכמה פון טומאה וואס ער האט זיך אויסגעלערנט פון דעם שטן, האט ער אנגעטוהן שרעקליכע צרות פאר די אידן. הונדערטער אידן זענען דורך איהם געהרג'ט געווארן, פון א פשוט'ן קלאפ וואס ער האט יענעם געגעבן אין בויך.

ווען די אידן האבן געזעהן אז דער גלח צושפרייט זיינע טמא'נע הענט און לאזט זיי נישט רוהען, האבן זיי געשיקט שליחים צום קעניג וועלכער איז געווען א אוהב ישראל, און איהם געבעטן ער זאל זיי ראטעווען פון די מערדערישע הענט. דער קעניג האט געשיקט רופען דעם גלח און באפוילן אז ער זאל אפלאזען די אומשולדיגע אידן. דער גלח האט געענטפערט, אז ער וועט זיי אפלאזען נאר מיט איין תנאי, אז זיי וועלן איהם צושטעלן אזא גרויסער חכם ווי ער איז, וואס ער וועט זיך קענען מיט איהם אויסטענה'ן און יענער זאל איהם אויפווייזן אז די אידישע גלויבונג איז דער ריכטיגער. ער גיבט זיי צייט א יאהר אויף צו זוכען א חכם, און אויב ביז דער צייט וועלן זיי נישט צושטעלן, דאן וועט ער אומברענגן אלע אידן פון שטאט.

דער קעניג וואס האט אליין אויך מורא געהאט פון דעם גלח, האט געמוזט צושטימען צו דעם באדינג. ווען די אידן האבן באקומען די מעלדונג פון דעם שווערן באדינג, האט זיי ארום גענומען א שרעק און ציטער. זיי האבן אויסגערופען א יום תפילה ותשובה, און געהאפט און געבעטן אז צום ענדע וועט געשעהן א נס און דער גלח וועט אפשטארבן.

דער נס איז אבער נישט געשעהן. דער גלח האט זיך ארום געדרייט אויפן גאס געזונד און פריש און שטארק אויפגעלעבט. ער האט געהאפט אז עס וועט נישט געלונגען פאר די אידן צו ווייזען אז ביי זיי געפונט זיך אויך אזא גרויסער חכם ווי איהם וואס קען באווייזען אזיינע אינטערעסאנטע קונצן.

די צייט שטייט נישט. - - - עס זענען אריבער געגאנגן וואכן און חדשים, און מען זעהט נאך אלץ נישט ווער עס קען זיך אונטערנעמען צו פיהרן א וִויכּוּחַ מיט דעם גלח און נאכמאכן זיינע כישוף. זיי האבן זיך געפונען אין א שרעקליכע פראבלעם, עס איז ממש סכנות נפשות. זיי האבן געשיקט שלוחים אין אלע געגענטער און שטעט אין דייטשלאנד, אז מען זאל געפונען א פאסיגער מענטש און הייליגער צדיק וואס קען זיך אונטערנעמען אויסצולייזען די אידן פון דעם גלח.

עטליכע צדיקים פון נאהנט און ווייט האבן אין איין נאכט געזעהן אין חלום א רמז פון הימל: - צוליב דעם וואס דער דור איז זינדיג, קען נישט געשעהן א נס אז דער גלח זאל פלוצלינג אפשטארבן. אבער שרעקן זאלט איהר זיך נישט, זוכט אויף און שיקט א חכם וואס קען זיך פארהערן און טענה'ן מיט דעם גלח מיט כוחות פון קדושה.

די צדיקים האבן זיך אויפגעכאפט פון זייער שלאף, יעדער האט איבער געשמועסט פון דעם חלום. אבער צו קיין ריכטיגע ענטפער זענען זיי נישט געקומען: ווער איז יענער וואס האט אין זיך א הייליגער כח צו פיהרן א מלחמה מיט דעם גלח?? - פונקט דאס וויכטיגסטע זאך האט מען זיי נישט אנטפלעקט אין דעם חלום.

די אידן האבן ווידער גוזר תענית געווען, און געבעטן אז דער אייבערשטער זאל זיי ליכטיג מאכן די אויגן און מרמז זיין ווער איז דער פאסיגער שליח. עס האט נישט גענומען קיין לאנגע צייט, און מען האט זיי געמאלדען פון הימל אז יענער געפונט זיך איבערהויפט נישט צווישן זיי, נאר ווייט ווייט אוועק אויף די אנדערע זייט פון דעם טייך "סמבטיון" צווישן די "עשרת השבטים".

ערשט דאן זענען די אידן געווען אין א גרעסערע פראבלעם. נו, ווער קען זיך דען אונטערנעמען צו מאכן די געפערליכע און שווערע רייזע צו יענע עק וועלט צו געפונען די "עשרת השבטים"? - - - אויסער דעם, עס איז דאך אוממעגליך אריבער צו גיין דעם "סמבטיון", ווייל זעקס טעג אין די וואך ווארפט ער ארויס פון זיך ריזיגע פעלזן שטיינער, נאר שבת רוהט דאס. אבער אפילו שבת קען מען נישט אריבער גיין, ווייל די מענטשן פון די "עשרת השבטים" וועלן יענעם פארשטיינערן פאר דעם חילול שבת.

אבער די אידן האבן געזעהן אז די צייט ווערט שוין גאר קורץ, האבן זיי זיך געשטארקט און געהאפט אז דער אייבערשטער וועט זיי שוין העלפן אין זייער פראבלעמען. זיי האבן אויסגעקליבן א גרויסער צדיק מיט דעם נאמען רבי מאיר חזן אז ער זאל זיין דער וויכטיגער שליח צו ברענגען די ישועה. זיי האבן איהם איינגעפאקט א זאק מיט "צידה לדרך" און מיטגעשיקט צוויי באגלייטער אויפן וועג.

זייער א סאך צרות און אויפהאלטונגען האבן די שלוחים געהאט אויפן וועג וואס האט געדויערט וואכן לאנג. טייכן און הויכע בערג, מדבריות פוהל מיט ווילדע חיות, שלענג, היצן און קעלט, און שווערע וועטערן האבן זיי דורך געליטען. זיי האבן דאס אלעס אנגענומען פאר ליב, ווייל זיי האבן געוואוסט אז דורך דעם ראטעווען זיי די אידישע קהילות אין דייטשלאנד. זיי האבן נישט געקוקט אויף זייערע שוואכע כוחות, נאר געהאלטן אין איין גיין. זיי האבן געוואוסט אז די צייט וואס דער גלח האט אפגעשמועסט רוקט זיך שוין אונטער און מען דארף זיך שוין שטארק צואיילען.

אכט טעג פאר די באשטימטע צייט, זענען זיי ענדליך אנגעקומען צו דעם טייך סמבטיון, און פונקט אין שבת קודש ווען דער טייך רוהט. אבער ווי קען מען יעצט עובר זיין אויף די תורה און אריבער פאהרן מיט א שיף אין שבת?

רבי מאיר חזן האט זיך אנגערופען צו זיינע באגלייטערס: "הערט מיך צו וואס איך האב באשלאסן. "פיקוח נפש" פון איין איד איז דאך דוחה שבת, און זיכער "פיקוח נפש" פון טויזענטער אידן. אבער פאר דעם איז גענוג אז איך אליין זאל אריבער פאהרן דעם טייך. איך בין זיכער אז ווען איך וועל אריבער קומען וועלן מיר די "עשרת השבטים" הרג'נען צוליב מיין חילול שבת, אבער איך בין זיך מוסר נפש פאר אידישע קינדער. דערפאר, זאלט איהר דא ווארטן און נאר איך אליין וועל אריבער פאהרן, און לאמיר האפען אז דער הייליגער באשעפער וועט שיקען א ישועה"!

ער האט מיטגענומען מיט זיך א בריוו פון די אידישע קהילות אין דייטשלאנד דאס צו ווייזען פאר די "עשרת השבטים", און זיי בעטן אז זיי זאלן שטיין צו הילף פאר זייערע ברודערס.
אבער אין די רגע וואס רבי מאיר האט אריבער געטרויטן אויפן צווייטן זייט פון דעם טייך "סמבטיון", האט מען איהם באלד געכאפט און געבינדען אין קייטען. אזא חוצפה, א איד זאל מחלל שבת זיין! - עס קומט איהם א שטראף פון מיתה!!

רבי מאיר רופט זיך אהן צו די פאליציי: "איך קען באשטיין אז איהר זאלט מיר הרג'נען. איך האב שוין סייווי מפקיר געווען מיין לעבן פאר די אידישע קינדער. אבער נעמט מיר ערשט צו אייער קעניג, איך וויל איהם איבערגעבן א וויכטיגן בריוו פון די אידישע קהילות אין דייטשלאנד. די פאליציי האבן זיך דערבארעמט און איהם גענומען צום קעניג, און ער האט דערלאנגט דעם בריוו.
דער קעניג האט באלד צוזאמען גערופען זיינע קלוגע מענטשן און עצה געבערס, און מען האט באשלאסן אז מען וועט ווארפן גורל ווער עס וועט זיין דער שליח צו גיין ראטעווען די אידן. דער גורל איז אויסגעקומען אויף א קליינער, אויסגעדארטער און שוואכער עלטערע מענטש וואס זיין נאמען איז געווען רבי דן. מען האט געברענגט רבי דן פארן קעניג, און ער האט באלד צוגעשטימט אים צו פיהרן דעם געוואלדיג-הייליגן שליחות.

דער קעניג רופט זיך אהן צו רבי מאיר חזן: "דו טארסט נישט צוריק אריבער גיין דעם טייך ווייל דיר האט מען נישט נייטיג צו ראטעווען די אידן, אבער דער שליח רבי דן מעג יא ווייל פאר איהם גייט אהן דער דין פון "פיקוח נפש". דערפאר, זאג פאר רבי דן וואס ער זאל איבערגעבן פאר דיין משפחה און פאר דיינע גוטע פריינד, ווייל דו וועסט שוין מוזען בלייבן וואוינען מיט אונז. אויך רבי דן וועט שוין נישט מעגען צוריק אהער קומען".

מיט טרערן אין די אויגן האט זיך רבי מאיר חזן געזעגענט פון רבי דן, און רבי דן איז אריבער געפאהרן דעם טייך ווי די שלוחים האבן זיך געפונען. ווען די שלוחים האבן באמערקט אז אנשטאט רבי מאיר חזן איז צוריק געקומען א אלטער אויסגעדארטער מענטש, איז פאר זיי פינסטער געווארן אין די אויגן און זיי האבן אנגעהויבן צו קרעכצן און קלאגן.

"קרעכטס נישט און זארגט אייך נישט" - בארוהיגט זיי רבי דן - "דער אייבערשטער וועט אייך שוין העלפן"! מיט "קפיצת הדרך" האט רבי דן געמאכט אז אין דריי טעג זענען זיי שוין געווען אינדערהיים. די שלוחים האבן באלד געמאלדען פארן קעניג אז די אידן זענען שוין גרייט צוצושטעלן א מענטש צו פיהרן א מלחמה מיט דעם גלח.

דער קעניג האט צוגעגרייט א גרויסע פרייע פלאץ אויסער די שטאט, וויביידע: די אידן און די גוים וועלן קענען מיטהאלטן דעם קאמף. ווען דער גלח האט באמערקט אז דער אויסגעקליבענער פון די אידן איז א קליין אויסגעדארטער מענטש האט אין איהם אנגעהויבן צו ברענען זיין צארן ווי א פייער. "די אידן שפעטן פון מיר"!! - האט ער געשריגן ווילד. - "איך וועל שוין נקמה נעמען אין זיי"!! - - -

רבי דן דערנענטערט זיך צו איהם, און רופט זיך אהן איידיל און געלאסען: "וואס, איהר וועט נקמה נעמען אין אונז, מיר וועלן אייך שוין ווייזען אז איהר וועט פון דא נישט אהיים גיין לעבעדיג"!

די מלחמה צווישן טומאה און להבדיל קדושה הייבט זיך אהן: דער גלח ברענגט אראפ מיט כישוף א ריזיגברייטע אייזערנע זויל. דרייסיג מענטשן קענען דאס נישט אויפהייבען. אבער דער גלח כאפט דאס אהן מיט צוויי פון זיינע קליינע פינגערס און גיבט דאס א ווארף אריין טיף אין דער ערד און עס ווערט איינגעזונקען אז מען זעהט דאס נישט ארויס.

אלע גוים קלאטשן מיט די הענט פאר די גרויסע גבורה וואס דער גלח האט באוויזן. די אידן זענען אבער געווען טרויעריג, ווער ווייסט וואס ווייטער וועט זיין. דער קעניג זיצט אויף זיין קעניגליכע שטול ארום גענומען מיט זיינע מיניסטארן, און קוקט צו פונקטליך וואס עס פאסירט.

דער גלח גיבט א באפעהל פאר רבי דן אז ער זאל ארויס ציהען דעם זויל פון די ערד. רבי דן ווערט נישט נתפעל, ער וואשט זיך אפ די הענט און זאגט שטיל א קורצע תפילה. ער בייגט זיך אראפ צום גרונד, און שטעקט אריין די הענט און כאפט אהן דעם זויל. ער האט דאס מיט איין האנט געגעבן א טראסק ארויף קילאמעטערס הויך ביז די וואלקענעס, און עס איז דארט געבליבן שטיין. רבי דן רופט זיך אהן צום גלח: "נו, יעצט לאמיר זעהן דיין שטארקקייט, ציה אראפ דעם זויל". דער גלח פראבירט און פראבירט, ער זאגט שטיל זיינע טמא'נע תפילות און ארבעט שווער מיט זיין כישוף, אבער עס העלפט גארנישט. - דער גלח האט געליטען א דורכפאל.

כדי צו מאכן פארגעסן פון זיין דורכפאל, ווייזט דער גלח א גרעסערע קונץ: ער ברענגט צוויי מילשטיינער, און צורייבט זיי מיט זיינע הענט און זיי ווערן בלויז ברעקלעך שטויב. דאן נעמט ער צוזאמען די אלע ברעקלעך און פְּרֶעסְט זיי צוזאמען און זיי ווערן צוריק צוויי גרויסע מילשטיינער. ער באפעהלט פאר רבי דן דאס נאך צו מאכן.

רבי דן ווארט נישט קיין סאך, ער צוברעקעלט די צוויי שטיינער און מאכט זיי צוריק אויף זייער פארם. דאן דערלאנגט ער א ווארף די שטיינער ביז דער אייזערנער זויל, און זיי בלייבען דארט הענגען. רבי דן פארלאנגט פון דער גלח אז ער זאל באווייזען א קונץ און אראפ ברענגען די צוויי שטיינער. אבער מיט שאנדע און שפאט האט דער גלח געמוזט מודה זיין אז ער קען דאס נישט טוהן.

יעצט רופט זיך אהן רבי דן: "איך פארלאנג פון דעם גלח איינס פון די צוויי: אדער איך וועל אראפ ברענגען א פייער-זויל פון הימל און ער וועט דאס אויסלעשן, אדער דער גלח וועט אראפ ברענגען א פייער-זויל און איך וועל דאס אויסלעשן". דער גלח האט געוואוסט אז ער קען נישט אראפ ברענגען א פייער פון הימל, האט ער בעסער אויסגעקליבן די ערשטע וועג.

רבי דן ברענגט אראפ א פייער פון הימל, און דער גלח דערנענטערט זיך אויסצולעשן. אבער וויפוהל וואסער ער האט געגאסן איז איהם נישט געלונגען צו פארלעשן. און די פייער איז געבליבן אין זיין גרויסקייט. רבי דן פראבירט יעצט נאך א זאך און רופט זיך אהן: "אט דא פאר אונז איז פארפלאנצט זייער א הויכער און ברייטער בוים. יעצט קענסטו זיך אויסוועהלן וואס דו ווילסט: אדער איך זאל איינבייגען דעם בוים ביז צו די ערד, און דו וועסט דאס צוהאלטען פעסט ביים שפיץ אז עס זאל זיך נישט צוריק אויפהייבען, אדער דו זאלסט איהם איינבייגען און איך וועל איהם איינהאלטען.

דער גלח האט אויסגעקליבן דאס ערשטע. רבי דן האט דעם בוים איינגעבויגן ביז דער שפיץ האט צוגערירט די ערד, און דער גלח דערנענטערט זיך צום בוים איינצוהאלטן דעם שפיץ. אין די רגע וואס רבי דן האט אפגעלאזט דעם שפיץ - טראך!!! - דער בוים גיבט א פלי אויף צוריק און דער גלח ווערט ארויף געטראסקעט הויך הויך ביז צו דער הענגעדיגער זויל. זיין קאפ ווערט פארכאפט אין דעם זויל, און זיין קערפער ווערט צומאלען צווישן די מילשטיינער. די פייער-זויל הייבט זיך אויף און פליט ארויף און פארברענט אלעם. ביז א מינוט איז אלעם פארשוואונדען: אוים זויל, אוים שטיינער, אוים פייער - - - - און אוים גלח!!!

די אידן זענען יעצט געראטעוועט געווארן פון דעם געפערליכן כח הטומאה, און זיי זענען באלד ארוים געגאנגען אין א טאנץ. זיי האבן געטאנצט און געזונגען ביז אין שוהל אריין, און ארום גענומען מיט גרויס פרייד זייער גרויסן און הייליגן שליח רבי דן.

דאן איז רבי דן ארויף געגאנגען אויף די בימה און איבערגעגעבן די ווערטער פון רבי מאיר חזן. - אזוי ווי ער קען נישט מער צוריק קומען פון יענע זייט סמבטיון, בעט ער פון אלע אידן אז זיי זאלן זארגן פאר זיין פרוי און קינדער. אויך בעט ער אז די שירה וואס ער האט יעצט צוזאמען געשטעלט "אקדמות מילין", זאל געלייענט ווערן אין אלע קהילות יעדן שבועות פאר קריאת התורה.

רבי דן האט ארויס גענומען דעם שיר "אקדמות מילין" וואס רבי מאיר האט איהם איבערגעגעבן און דערלאנגט דעם רב. די טעג זענען געווען נאהנט צו שבועות, און טאקע אין יענע שבועות איז געלייענט געווארן די "אקדמות" אין אלע קהילות, און עס איז געבליבן א הייליגע מנהג ביז צו דעם היינטיגן טאג, און דאס ווערט געלייענט מיט גרויס געפיהל און ברען.

# מעשה נפלא מבית יוסף בליל שבועות

**אין** ספר של"ה הק' ווערט געברענגט א בריוו וואס הרה"ק ר' שלמה אלקביץ זצ"ל (מחבר פון'ם לכה דודי) וואס איז געווען פון די חבריא קדישא פון הייליגן בית יוסף זצ"ל האט אפגעשריבן א מעשה וואס האט פאסירט מיט זיי בשעת זיי זענען אויף געווען, אין די נאכט פון שבועות.

**איר** זאלט וויסען אז מיר האבען מסכים געווען, דער חסיד נר"ו (בית יוסף) און איך און נאך אפאר חברים אויפזיין די נאכט פון שבועות און נישט שלאפען און מיר האבען נישט מפסיק געווען קיין איין רגע און דעם סדר האבען מיר געלערנט.

**קודם** האבען מיר געלערנט פון בראשית ביז ויכולו מיט א זיסקייט און א הויך קול נאכדעם בחודש השלישי ביז סוף סדרא וגו' (ער שרייבט נאך אלעס וואס זיי האבען געלערנט) אלעס באימה וביראה מיט א ניגון וטעם לא יאומן כי יסופר. נאכדעם האבען מיר געלערנט משניות גאנץ סדר זרעים און נאכדעם האבען מיר געלערנט ע"ד האמת (קבלה) און ווען מיר האבען געלערנט משניות ווען מיר האבען געענדיגט צוויי מסכתות האט אונז אונזער בורא מזכה געווען און מיר האבען געהערט דעם קול רעדען מפי החסיד נר"ו (בית יוסף) (עס איז געווען שכינה מדברת מתוך גרונו של הבית יוסף) א גרויס קול וואס אלע שכנים האבען געהערט און נישט פארשטאנען און די זיסקייט איז געווען שטארק און דער קול האט זיך געשטארקט און מיר זענען געפאלען אויף אונזער פנים און קיינער האט זיך נישט געטרויעט אויפצוהייבען די אויגען און פנים צו קוקען פון גרויס מורא.

**און** דער דיבור האט צו אונז אנגעהויבען רעדען און געזאגט. "הערט צו מיינע געליבטע ידידים מהדרים מן המהדרים, שלום צו אייך וואויל איז אייך, וואויל איז ווער ס'האט אייך געבוירען, וואויל איז אייך אויף די וועלט, וואויל איז אייך לעולם הבא, וואס איר האט גענומען אויף זיך מיך צו באקרוינען די נאכט וואס עס איז שוין אסאך יאר וואס דער קרוין פון מיין קאפ איז געפאלען, און קיינער טרייסט מיך נישט, און איך ליג אויף דער ערד געווארפען אין מיסט, און יעצט האט איר צוריק געקערט די קרוין צום פלאץ. שטארקט אייך מיינע גוטע פריינדט ,וויל איר זענט פון די בני עליי' און איר האט זוכה געווען צו זיין מהיכלא דמלכא, און דאס קול פון אייער תורה איז ארויף פאר הקב"ה, און האט אדארך געשפאלטען פיל הימל'ן ביז עס איז ארויף, און מלאכים שווייגען, און שרפים זענען שטיל געבליבען, און חיות זענען געבליבען שטיין און אלע צבא מעלה הערען צו אייער קול.

**איך** בין געקומען צו אייך רעדען און אויב איר וואלט געווען צעהן מענטשען וואלט איר נתעלה געווארען פיל מער נאר פונדעסטוועגען זענט איר נתעלה געווארען וואויל איז אייך וואויל איז די וואס האבען אייך געבוירען מיינע פריינד וואס איר האט אוועקגענומען שלאף פון אייערע אויגען די נאכט און דארך אייך בין איך נתעלה געווארען וגו' און איר זענט נישט אזוי ווי די וואס שלאפען אויף זייער בעט וגו' און איר האט זיך מיט השי"ת און ער פרייד זיך מיט אייך, איבער דעם מיינע קינדער שטארקט אייך און פרייט אייך מיט מיין תורה און מיין יראה. ווען איר וואלט זיך געקענט פארשטעלען איינס פון טויזענט חלקים און טויזענטער און פיל צעהן טויזענסטעל חלק פון צער וואס איך האב, וואלט איר קיינמאל נישט געקענט האבען א שמחה אין אייער הארץ אדער א געלעכטער אין אייער מויל ווען איר וואלט געדענקט אז צוליב אייך ליג איך אין שטויב, איבערדעם פרייד זיך מיינע פריינד און שטארקט אייך און איר זאלט נישט מפסיק זיין דאס לערנען ווייל א חוט של חסד איז אויף אייך און אייער תורה איז זיס פאר הקב"ה. פארדעם מיינע קינדער שטייט אויף אויף אייערע פיס און זאגט אויף א הויך קול אזוי ווי יום כיפור "ברוך שם כבוד וכו'". זענען מיר אויפגעשטאנען און מיר האבען געזאגט מיט א ציטערניש וואס מ'האט אונז געהייסען.

**נאכדעם** האט דער קול נאכאמאל געזאגט צו אונז "וואויל איז אייך מיינע קינדער קערט אייך צוריק צו אייער לערנען איר זאלט נישט מפסיק זיין איין רגע. גייט ארויף קיין ארץ ישראל ווייל נישט אלע צייטען זענען גלייך און אייערע אויגען זאל נישט קארגען אייערע כלים וואס איר פארמאגט דא ווייל דאס גיטס פון ארץ העליונה וועט איר עסען און אויב איר וועט צוהערען וועט איר עסען דאס גיטס פון יענעם לאנד איבער דעם איילט אייך און גייט ארויף ווייל איך בין אייך מפרנס און איר וועל אייך דארט אויך מפרנס זיין ואתם שלום וביתכם שלום וכל אשר לכם שלום ה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום".

**די** אלע רייד האבען מיר געהערט רעדען צו אונז און נאך פיל מער אזעלכע רייד עניני חכמה און פיל הבטחות און מיר האבען אלע אויסגעבראכען אין א געוויין פון שמחה. אויך ווען מיר האבען געהערט דעם צער פון די שכינה הק' און איר קול איז געווען אזוי ווי א קראנקער וואס בעהט זיך צו אונז. נאכדעם האבען מיר זיך געשטארקט און מיר האבען געלערנט ביז אינדערפרי מיט גרויס שמחה און פחד.

**אינדערפרי** זענען מיר זיך געגאנגען טובל'ן און דארט האבען מיר געטראפען די דריי חברים וואס זענען נישט געווען מיט אונז ביינאכט און

מיר האבען זיי דערציילט אלעס וואס עס האט פאסירט און זיי האבען אנגעהויבען שטארק וויינען וואס זיי האבען נישט זוכה געווען צו הערען די אלע רייד און אויך מיר האבען זיי אנגעשריגען ווייל צוליב זיי האבען מיר אויך נישט זוכה געווען צו אלעס וואס מיר האבען געדארפט (ווייל עס איז נישט געווען מנין כנ"ל).

**זיי** האבען געזאגט צו אונז הלואי זאלען מיר זיך צוזאמען נעמען היינט ביינאכט און נאכאמאל לערנען אזוי ווי נעכטען און מיר וועלען זיין צעהן מענטשען. האבען מיר מסכים געווען אזוי צו טוהן און כאטש אז מיר זענען גארנישט געשלאפען די ערשטע נאכט און אויך נישט יענעם טאג ווייל דער חסיד נר"ו האט געזאגט א דרשה און מיר זענען אלע געווען ביי די דרשה, פונדעסטוועגען האבען מיר געטוהן אזוי ווי די ערשטע נאכט און מיר זענען געווען בשמחה ווייל מיר זענען צעהן מענטשען. די צווייטע נאכט האבן מיר נישט געדארפט ווארטן ביז מיר האבן געלערנט משניות, און ביז חצות. ווייל די ערשטע נאכט האט דער קול אנגעהויבען רעדען פונקט חצות,

**נאר** באלד ווען מיר האבען געהאלטען אין פ׳ ואתחנן ביי שמע ישראל האט דאס קול אנגעהויבען רעדען צו אונז און געזאגט: "הערט צו ידידים המהדרים מן המהדרים וגו׳ און האט געזאגט פיל דברי חכמה און נאכדעם", וואויל איז אייך מיינע פריינד וואס איר האט מיך דערהויבען און דארכדעם זענט איר אויך דערהויבען געווארען ווייל איר זענט צעהן מענטשען וואויל איז אייך וואויל איז ווער עס אייך געבוירען וגו׳ און איר זענט זיך מתדבק איך מיר וגו׳ און ווען איר וואלט געמעגט זעהן וואלט איר געזעהן דעם פייער וואס רינגעלט יעצט ארום דאס הויז איבערדעם שטארקט אייך און איר זאלט נישט מפסיק זיין דעם קשר און דערהייבט מיך אויף א הויך קול און זאגט "שמע ישראל און ברוך שם" הויך אזוי ווי "יום כיפור". און נאר אנדער רייד האט דאס קול גערעדט בערך א האלבע שעה און מיר האבען צוריק געקערט, צום לערנען.

**חצות** הלילה האט נאכאמאל דאס קול אנגעהויבען רעדען מיט אונז און האט גערעדט בערך א שעה און נאכאמאל געלויבט דאס ענין פון דעם לערנען און געזאגט צו אונז, "זעהט! האט איר שוין געהערט אזא זאך אין לעצטע פאר הונדערט יאר אז עמיצער זאל זוכה זיין צו דעם אז די שכינה זאל צו זיי אזוי רעדען? און איר האט יא זוכה געווען צו דעם דערפאר זאלט איר זיך מהיום והלאה היטען אייערע וועגען און איינער זאל דעם צווייטען העלפען אין עבודת ה׳ און איר זאלט געדענקען ווער איר זענט אז איר האט זוכה געווען אריינצוגיין אין פרוזדור ממילא זאלט איר זיך באמיען אריינצוגיין אין טרקלין וגו׳ וועקט אייך אויף מיינע קינדער און זעהט אז איך רעד צו אייך און שטארקט אייך און זייט זעלנער. זעהט אז איר זענט שכורים פון חמדת עולם הזה וגו׳ נאר גייט ארויף קיין ארץ ישראל ווייל איר קענט דאס באמת טוהן נאר איר זענט אריינגעטוהן אין חמדת העולם און ווער עס וועט זיך אפשיידען פון אייך איז דמו בראשו און זעהט אז איר האט זוכה געווען צו דעם וואס קיינער האט נישט זוכה געווען שוין פיל דורות".

**נאך** פיל אזעלכע רייד האט דאס קול גערעדט צו אונז. יעצט מיינע קינדער הערט צו וואס איך זאג אייך ווער איז נאך אזא פתי אז ער הערט די רייד און ער באקומט נישט א הרהור תשובה צורק צוערען זיך צו השי"ת מיט׳ן גאנצען הארץ. גלייבט מיר אז אלעס וואס איך האב געשריבען אין דעם בריעף איז נאך נישט קיין הונדערטסטעל חלק פון די רייד וואס מיר האבען געהערט און צווישען זיי פיל עניני סוד וואס איך האב מורא געהאט צו שרייבען. אונז חברים וואס מיר האבען דאס געהערט האט עס אונז אריינגעגעבען א נייעם גייסט. שבת בייטאג האט נאכאמאל דער קול גערעדט צום חסיד (הבית יוסף) און געמערט בשבח אין דעם וואס מיר האבען געטוהן די צוויי נעכט, און דער חסיד האט צו אונז גערעדט פאר סעודת שבת און מיר מתקן געווען פיל תקנות גגדרים לעבודת ה׳ (עיין שם התקנות), אויך האבען מיר מסכים געווען צו פאהרען קיין ארץ ישראל.

**איבערדעם** טייערע חברים יעדער איינער זאל זיך בארעכענען און נישט קארגען זיינע טייערע כלים ווייל דער פסוק זאגט שוין "עת הזמיר הגיע" און נישט אלע צייטען זענען גלייך לטובה צו גיין קיין ארץ ישראל און איך קען נישט מער מאריך זיין ווייל מיין הארץ ברענט אין מיר און זעהט וויפיל סיבות השי"ת האט געפירט וועגען מיר און האט מיר געוויזען דעם גרויסען ענין און איר זאלט זיך אויך מחזק זיין און שטארקען און נישט נאכלאזען אייערע הענט.

**אויך** האבען מיר מקבל געווען נאך תקנות (עיין שם) וגו׳ איבערדעם זאלט איר איילען פאר׳ן כבוד פון השי"ת און זייט געווארענט ווייל טאמער וועט איר חרטה האבען און השי"ת זאל געבען אין אייער הארץ צו רחמנות האבען אויף זיך אליין, און ער זאל אונז מזכה זיין זיך צו פאראייניגען מיט אייך אין ארץ ישראל אדמת קודש און מיר זאלען עס דארט דינען צוזאמען אמן.

**פון** די מעשה זאגט די של"ה הקדוש, קען א מענטש זעהן דאס חשיבות פון לערנען שבועות ביינאכט און נישט רעדען ח"ו קיין דברים בטלים, און אויך נאר ערליכע נוצליכע ווערטער וואס ברענגט שמירות תורה ומצות אדער יראת שמים, חזק חזק ונתחזק.

# סיפורי צדיקים

## די תלמידים האבן געמוזט געדענקן דעם מעמד פון קבלת התורה

**דער** הייליגער רבי ר' בער פון מעזריטש זי"ע, אלץ יונגערמאן נאך זיין חתונה, האט ער געהאט פרנסה פון דעם וואס ער האט זיך פארדינגען אלץ מלמד פון קליינע קינדער. ער איז נישט געווען ווי סתם יעדע מלמד, נאר ווען עס איז געקומען א נייע יונגעל לערנען "אלף בית", האט ער צום ערשט געפרעגט צו ער געדענקט נאך דעם מעמד פון "קבלת התורה", וואס אלע אידישע נשמות זענען דארט געווען. און בשעת'ן פרעגן האט ער זיך פארטיפט אין דעם קינד'ס נשמה און אויפגעמישט זיינע געדאנקען ביז דאס קינד האט זיך טאקע דערמאנט אין דעם געוואלדיגן מעמד. און טאמער דאס קינד האט זיך נישט געקענט דערמאנען פון דעם, האט איהם רבי ר' בער זי"ע נישט געוואלט אננעמען אלץ תלמיד.

## די תפארת שלמה אין צאנז

**ס'איז** ידוע אז דער **תפארת שלמה** איז אויף די עלטער געפארן אויף צאנז אויף יו"ט שבועות, דעמאלס איז דער תפא"ש אליין שוין געווען א גרויסער רבי און געפירט א גרויסע עדה אידן, און ער איז קיינמאל נישט געפארן צו רבי'ס, און דא מיט איינמאל האט ער זיך מיישב געווען אז ער פארט צום צאנז'ער רב אויף שבועות, ס'איז געווארן א גרויסע רעש א קליינקייט ער לאזט איבער די טויזענטער חסידים וואס זענען געקומען צו פארן צו אים און ער פארט אוועק, זיין זון **ר' אברהם דער מחבר פון ספר חסד לאברהם** איז אריין געגאנגען צו זיין הייליגן טאטע'ן און געפרעגט טאטע! ווי טוסטו אזא זאך איבערצולאזען אזויפיל חסידים? האט דער הייליגער תפא"ש געענטפערט, מיין קינד איך בין שוין א עלטערער איד, און איך וויל נאך אין מיין לעבן שפירן א טעם פון קבלת התורה, און ער איז טאקע געפארן און די חסידים זענען טאקע געבליבן אן א רבי'ן אויף יו"ט.

**ווען** דער תפארת שלמה איז אנגעקומען אויף צאנז איז דער צאנז'ער רב אקעגען געקומען צו די אכסניא ווי ער איז איינגעשטאנען און די צווי צדיקים האבן זיך פארשפארט אין א שטוב און געשמועס'ט סודות, ווי פשעווארסקער רבי זצוקלל"ה האט פארציילט, האט אים דער דברי חיים געזאגט אז גילו צדיקים איז גרעסער ווי גילו אליהו הנביא, און דער תפארת שלמה האט געגעבען א ציטער, ווען מ'איז ארויס האט זיך דער תפארת שלמה אנגערופען, זענט'ס א מבין אויף אים, שוין אזוי לאנג וואס איך האב געוואלט זעהן דען ר"ר אלימלך זי"ע און יעצט האב איך זוכה געווען.

**ווען** דער צאנז'ער רב איז ארויסגעקומען האט ער געזאגט, דער הייליגער תפארת שלמה איז שוין גרייט צו קבלת התורה, און איך בין נאך נישט גרייט אפילו א טויזענטעל וויפיל ער איז גרייט, און אויך דער תפארת שלמה ווען ער איז ארויס פון'ם דברי חיים האט ער אויך געזאגט די זעלבע זאך, אז דער דברי חיים איז שוין גרייט און ער איז נאך נישט גרייט צו די קבלת התורה.

**אויף** יו"ט האט דער צאנז'ער רב צוגעשיקט דעם תפארת שלמה צום עמוד, און ווי באקאנט איז דער תפארת שלמה געווען גאר א שיינער בעל תפלה און ער האט טאקע געזאגט די אקדמות, פאר ער איז צוגעגאנגען האט ער געזאגט פאר'ן דברי חיים, אז ביי אים אין ראדאמסק זאגט מען נישט קיין פיוטים און דא זאגט מען יא פיוטים, וואס ער זאל טוהן, האט אים די ד"ח געענטפערט אז ווען ראדאמסק'ער רבי דאווענט פאר'ן עמוד דארף מען נישט קיין פיוטים און ווי חסידים פלעגן צו פארציילן פון יענעם שבועות אז **"פיוטים האט מען טאקע נישט געדאווענט אבער מ'האט זיך געשפירט ממש אזוי ווי ביי קבלת התורה וַיֶּחֱרְדוּ כָּל הָעָם אֲשֶׁר בַּמַּחֲנֶה"**.

## דער קול ארי' אין צאנז

**דער** קול ארי' וואס איז געווען רב אין בערעגסאז, פלעגט יעדעס יאר פאר'ן אויף שבועות קיין צאנז ער פלעגט זאגן אז ווער ס'איז געווען שבועות אין צאנז האט געשפירט א התפשטות הגשמיות.

**אויך** האט ער געזאגט אז ווען ער איז שבועות אין צאנז און ער הערט נאר די דברי תורה פון צאנז'ער רב קען ער פון דעם מחדש זיין א גאנץ יאר, און טאקע איינמאל ווען דער דברי חיים האט געענדיגט זיין פשעטל וואס איז געווען זייער טיף האט ער זיך אנגערופ'ן אז היינט האבן נאר צווי רבנים פארשטאנען די פשעטל, דער בערעגסאז'ער רב (קול ארי') און ר' שמואל בילגוריאור (מהר"ש ענגל). אגב: האט דער פשעווארסקער רבי זצוקלל"ה פארציילט, אז א חסיד פון דברי חיים איז אמאל געקומען פון יענע וועלט, און האט אים געזאגט אז ער האט געהערט שמועסן די פשעטיל פון רבי'ן אויף יענער וועלט.

**איינמאל** ווען ער איז געווען אין צאנז און געזעסען אין ביהמ"ד און געלערנט ווארטענדיג אויף די ד"ח זאל אריינקומן צום דאווענען, איז אריינגעקומען דער גרויסער גביר החסיד ר' יוסף לייב כהנא און אנגעפאנגען צו טאנצען, האט אים די קול ארי' געפרעגט **וּלְשִׂמְחָה מַה זוֹ עוֹשָׂה** האט ער אים געענטפערט כ'האב אריינגעטראכט וויאזוי איך וואלט אויסגעזעהן אן די תורה איז מיר געקומען צו טאנצן, האט די קול ארי' מיט געטאנצט און דער גאנצער עולם האט אנגעפאנגען צו טאנצן מיט זיי, ווען דער דברי חיים איז

אריינגעקומען האט ער געהאט א גרויסע הנאה הערנדיג דער טעם פארוואס מ'טאנצט יעצט..

## געהאלפן געווארן אינעם טאג פון שבועות

**אין** בארנאוו האט געוואוינט א איד, א נגיד מיט'ן נאמען ר' יחיאל מאיר ז"ל ער איז געועהן א ראזוואדאווער חסיד, (פון הרה"ק ר' משה ראזוואדאווער זצ"ל בן הרה"ק ר' אליעזר מדזיקוב זצ"ל) אמאהל איז אים אויסגעקומען צו האבען א משפט דעם צווייטן טאג שבועות זענען געפארן זיינע קינדער מזכיר זיין דעם טאטען פאר'ן שינאווער רב.

**דער** שינאווער רב האט אבער געהייסען אז דער פאטער זאל קומען אויף שבועות קיין שיניאווא, רבי יחיאל מאיר האט קודם געפרעגט זיין רבין דעם ראזוואדאווער רב צו ער זאל פארן אויף שבועות קיין שיניאווא, דער ראזוואדאווער רב האט מסכים געוועהן.

**אנקומענדיג** קיין שיניאווא האט דער חסיד ר' יחיאל מאיר קודם געהאט גרויס ווייטאג (חלישות הדעת) געפינענדיג זיך אויף א פרעמד ארט וואו ער האט נישט געהאט קיין שום התקרבות. (ר' יחיאל מאיר איז געוועהן איינער פון די גרויסע נאנטע מענטשען אין ראזוואדאוו) ערשט דעם צווייטען טאג שבועות ביים טיש האט דער שיניאווער רבי צוגערופען דעם ראזוואדאווער חסיד ר' יחיאל מאיר און ער האט אים געגעבען שיריים פון א קאפ פון די פיש. דער שיניאווער רב האט נאך צוגעגעבען זאגענדיג צו דעם חסיד בזה"ל **"נעם א קאפ וויל דו דארפסט דאך האבען א קאפ"** (אויף יודיש מיינט א קאפ א שטוים).

**דער** ראזוואדאווער חסיד האט נישט פארשטאנען וואס דער שיניאווער רב האט געמיינט מיט די דאזיגע דיבורים.

**ערשט** אסרו חג שבועות זענען אנגעקומען זיינע קינדער קיין שיניאווא, און זיי האבען דערציילט אז נעכטן דעם צווייטען טאג שבועות דער באשטימטער טאג ווען עס האט געברויכט פארקומען דער משפט אין געריכט, האט דער מענטש וואס האט אים גערופען אין געריכט געריטען אויף א פערד און דאס פערד איז פלוצליג געווארען ווילד און ער האט אנגעהויבען צו קאפען און שטויסן ביז ער האט צוטרעטען דעם רשע אויף טויט רח"ל.

**דאס** איז געוועהן די זעלבע צייט ווען דער שיניאווער רב האט געגעבען שיריים פון א קאפ פון א פיש זאגענדיג צו ר' יחיאל מאיר **"איר דארפט דאך האבען א קאפ"....**

## מעמד הר סיני ביי צדיקי הדור

**דער** הייליגער שינאווער רב זצ"ל האט דערציילט: אז אמאל יום טוב שבועות איז מיין פאטער (דער הייליגער צאנזער רב זצ"ל בעל דברי חיים) צוגעקומען צו מיר און געזאגט "מיין זון - ווילסטו היינט ביי קריאת התורה זעהן דעם מעמד הר סיני ? דאן גרייט זיך צו דערצו"

**ווען** מיין פאטער האט אנגעפאנגען צו ליינען די עשרת הדברות, האב איך געזעהן און געהערט די אלע זאכן וואס עס שטייט אין די תורה ביי מתן תורה. "קולות וברקים, וענן כבד וגו'". ווען איך האב דאס געהערט האב איך דאס כמעט נישט געקענט איבערטראגן, מיינע כוחות האבן דאס מיר נישט ערלויבט.

**ווען מיין פאטער האט דאס מרגיש געווען, האט ער אוועק גענומען פון מיר די הרגשה פון מתן, ווייל אויב נישט וואלט איך דאס נישט געקענט איבערלעבן .....**

* *

**הרה"ק רבי יוסף מאיר ספינקא** זצ"ל האט אמאל געזאגט, **"איך זאג בתורת עדות וואס איך האב אליין געזעהן מיט מיינע אויגן"** ביי מיין רבי'ן דער הייליגער רבי אייזיקל זידיטשובער זי"ע, אמאל שבועות בשעת ער האט געליינט אין די תורה די עשרת הדברות האט ער זיך געהויבן און געשוועבט אין די לופטן ממש, זיינע פיס זענען אים געווען העכער די ערד בערך זעקס צאל (א מאס אין יענער צייט).

* *

**הרה"ק** ר' קאפל איינער פון די גרויסע תלמידים פון הייליגן רבי אייזיקל זידיטשובער זי"ע האט דערציילט וואס מיט אים האט פאסירט שבועות בשעת זיין הייליגער רבי האט געזאגט **"אקדמות"**.

**ווען** דער רבי האט אנגעהויבן צו זאגן אקדמות האט מיך ארום גענומען א גרויס התרגשות און א געוואלדיגע התלהבות, פלוצליג איז מיר געווארן טונקל פאר די אויגן און איך האב גארנישט געקענט זעהן ביז נאכן ליינען די עשרת הדברות, הערשט דערנאך איז מיר די ראיה (זעהן) צוריק געקומען ווי פריער.

**נאכן** דאוונען האב מיר דער רבי געזאגט **"דו ווייסט פארוואס דיר איז טונקל געווארן פאר די אויגן זאגענדיג אקדמות"** - ווייל דעמאלט זענען מיר אדורך געגאנגען דעם וועג פון **"חושך ענן וערפל"** אזוי ווי ביים בארג סיני, און וויבאלד דו האסט דיך מקשר געווען מיט מיר האסטו זוכה געווען צו דעם.

# יומא דהילולא דוד המלך ע"ה

**נפטר בשבועות שנת תתקכ"ד**

**דוד** המלך האט געבעטען דער אייבערשטער: "לאז מיר וויסען ווען די ענדע פון מיין לעבען וועט זיין". האט איהם דער אייבערשטער געענפערט: "עס איז א גזירה פון מיר, קיין מענטש זאל נישט וויסען ווען עס קומט זיין צייט".

**האט** דוד המלך ווייטער געפרעגט: "לאז מיר כאטש וויסען וויפיל זענען מיינע לעבענס טעג". האט דער אייבערשטער געענפערט: "עס איז א גזירה, אז דער מענטש זאל נישט וויסען וויפל יאהרן עס איז איהם באשערט".

**האט** דוד המלך ווייטער געבעטען "אין וועלכע טאג פון וואך וועל איך צוגענומען ווערן פון דער וועלט". האט דער אייבערשטער געענפערט אז שבת איז דער טאג וואס ער וועט נפטר ווערן.

**האט** דוד המלך געבעטען דעם אייבערשטען צו ער קען נפטר ווערן זונטאג, ווייל שבת וועט מען זיך נישט קענען מיט איהם באשעפטיגן, און ער וועט בלייבען ליגן ביז מוצאי שבת.

**האט** דער אייבערשטער געענפערט אז אין די צייט וואס דיין זוהן שלמה דארף קעניגן טאהרסטו נישט קעניגען אפילו פאר איין מינוט.

**האט** דוד המלך געזאגט אז ער קען באשטיין צו פארלירען א טאג, און נפטר ווערן פרייטיג. האט איהם דער אייבערשטער געענפערט: "דו קענסט נישט נפטר ווערען קיין איין מינוט פריער ווייל איין טאג וואס דו פארנעמסט זיך מיט תורה איז ביי מיר מער ווערט ווי א טויזענט קרבנות וואס דיין זוהן שלמה וועט מקריב זיין אין דער בית המקדש.

**פון** דעמאלס אהן פלעגט דוד המלך יעדע שבת אכטונג געבען אז קיין איין רגע האט נישט אויפגעהערט זיין מויל פון צו לערנען תורה פון די צייט וואס עס איז געווארען שבת ביז מוצאי שבת, כדי אז דער מלאך המות זאל נישט קענען אויף איהם האבען א שליטה.

**ווען** עס איז געקומען די צייט א דוד המלך האט געדארפט פארלאזן די וועלט איז אויסגעפאלען שבועות אום שבת. די שטן האט פראבירט איהם צווצונעמען אויף אלע מיני אופנים, אבער וויבאלד דוד המלך האט נישט מפסיק געווען פון לערנען האט ער בשום אופן נישט געקענט ערפילען זיין תפקיד.

**די** מלאך המות שטייט און ווארט אויפ'ן געלעגענהייט אז דוד המלך זאל שוין אויפהערען צו לערנען אבער אומזיסט איז געווען זיין האפענונג ווייל פון זיין מויל האט געהאלטען אין איין פליסען דברי תורה.

**די** מלאך איז אויפגעקומען מיט א המצאה, ער איז ארויסגעגאנגען צום גארטען און ער האט אנגעהויבען זייער שטארק צו שאקלען דיביימער. אזוי ווי עס איז דארך דעם געווארען א גרויסע טומעל איז דוד המלך ארויסגעגאנגען צו זעהן וואס עס גייט פאהר.

**פארשטייט** זיך אז אפילו אויפ'ן וועג ארויס האט פון זיין מויל נאך אלץ געפליסט תורה.

**אראפגייענדיג** פון די טרעפ ארויסצוגיין צום גארטען האט זיך צובראכען א טרעפ און דאס האט גורם געווען אז דוד המלך זאל פאר א רגע אויפהערען צו לערנען און דא האט דער מלאך אויסגענוצט די געלעגענהייט צוצונעמען זיין הייליגע נשמה.

**אינמיטען** דער הייליגער יום טוב שבועות וואס איז אויסגעפאלען אין שבת האט דוד מלך ישראל אויסגעהויעכט זיין הייליגען נשמה.

**מיר** בעטען יעדען טאג ביים דאווענען "את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח", און מיר ווארטען יעדען טאג אויף איר באנייאונג, ווייל דער אייבערשטער האט געשלאסען א בונד מיט זיין געטרייע קנעכט דוד, אז ביז אייביג וועט בלייבען זיין קעניגליכע שטיל.

## "דוד מלך ישראל חי וקים"

# יומא דהילולא מרן ישראל בעל שם טוב זצללה"ה

**נפטר א' שבועות**

**דער** הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזשענסק זי"ע, האט פון אייביג אהן שטארק געגלוסט און געשטרעבט צו באגרייפען און פארשטיין דעם געוואלדיג הייליגען כח פון דעם בעל שם טוב זי"ע. ער פלעגט אסאך מתפלל זיין אז פון הימל זאל מען איהם דאס באווייזען. ער האט אבער באקומען פון הימל א ענטפער אויף זיין פארלאנג: "אויף דעם נידריגען וועלט מיט די גשמיות'דיגע קערפער, איז דאס אוממעגליך צו פארשטיין און דערגרייכען. אפילו מען זאל זיין אויסגעארבעט ווי שטארק מעגליך, - קען מען דאס נישט זעהן".

**אבער** דאס אלעס האט נישט פארקלענערט און פארמינערט דעם ווילען פון דעם צדיק זי"ע, ער האט נאך אלץ געטראכט און געהאפט אז הלוואי זאל מען איהם פון הימל מאכן קענען די געוואלדיגע קדושה פון דעם בעש"ט זי"ע - דער געטליכער צדיק וואס האט אראפ געשיינט אויף די וועלט דעם הייליגן דרך אין עבודת ה', דעם "דרך החסידות". און דער וואס האט דערנענטערט צענדליגע טויזענטער אידן צו זייער פאטער אין הימל.

**דער** צדיק זי"ע האט נישט אפגעשטעלט זיינע הייסע תפילות, און ווייטער פארגעזעצט מיט זיין געבעט. ביז ענדליך האט מען איהם פון הימל נאכגעגעבן זיין פארלאנג.

* * *

**אנהייב** חודש אדר תקמ"ז, - אין בית המדרש פון דעם הייליגען רבי ר' אלימלך זי"ע, זיצט זיין חשובער און באליבטער תלמיד הרב הקדוש רבי קלונמוס קלמן זי"ע, בעל מחבר ספר "מאור ושמש". זיינע ליכטיגע אויגן זענען פארטיפט אין דעם אפענעם ספר וואס איז געליגען פאר איהם, זיין שטערן איז באדעקט מיט טיפע קנייטשן, און זיינע מחשבות זענען באהאפטן אין דעם הייליגן בורא עולם.

**פלוצלינג** איז עמיצער צוגעגאנגען צו איהם און איבערגעהאקט זיינע הייליגע מחשבות. יענער זאגט איהם אריין אין אויער שטילערהייט: "דער רבי בעט אייך אריין צו קומען צו איהם אין צימער".

**דער** רבי זי"ע איז געזעצען ביי זיך אין צימער פארטיפט מיט אן ערנסטקייט אין זיינע געדאנקען, און מייחד געווען הייליגע יחודים. ער הייבט אויף זיינע אויגן און באטראכט דעם "מאור ושמש" פון אויבן ביז אראפ.

"**הער** מיך צו, מיין חשובער תלמיד" - רופט זיך אהן רבי ר' אלימלך זי"ע - "פון אלע מיינע תלמידים, האב איך פונקט דיר אויסגעוועלט צו ווייזען גאר אן אינטערעסאנטע זאך וואס נישט יעדער איינער האט א זכיה דאס צו זעהן. דערפאר, גרייט זיך צו, מיט קדושה און טהרה און באהעפט זיך מיט דיין גוף און נשמה אין דעם הייליגן באשעפער. דאן וועסטו זוכה זיין, עס זאל פאר דיר אנטפלעקט ווערן א הערליכע איבערראשונג"!

**דער** "מאור ושמש" זי"ע האט פארלאזט דעם רבי'נס צימער פארוואונדערט און איבערראשט פון די הייליגע ווערטער. אבער ער האט גארנישט פארשטאנען די באדייטונג פון דעם איבערראשונג פון וואס דער רבי האט גערעדט. ער האט זיך גענומען צוגרייטען מיט קדושה און טהרה און זיך גערייניגט און אויסגעלויטערט ווי ווייט ער האט נאר געקענט, כדי ער זאל זיין ווערט צו צוזעהן דעם גרויסן ערשיינונג.

**ס'איז** שוין שפעט אין דער נאכט נאהנט צו חצות, די גאסן זענען ליידיג געווען, קיין איין מענטש געפונט זיך נישט אינדרויסען, און א געדיכטע שטילקייט און פינסטערניש האט געהערשט אויף די גאנצע באשעפעניש. דער "מאור ושמש" זי"ע שפאנט זיך געמיטליך צו די ריכטונג פון דעם רבינ'ס הויז. בלויז די קלאפן פון זיין פוס טריט הערט זיך אין די שטילקייט פון די נאכט.

**אריין** קומענדיג צום רבי'ן, רופט זיך אהן רבי ר' אלימלך זי"ע: "שטרענג זיך אהן, מיין טייערע תלמיד, באהעפט אלע דיינע מחשבות אינגאנצן צו דעם הייליגן בורא עולם, און דו זאלסט חס ושלום קיין איין רגע נישט מסיח דעת זיין פון באשעפער ביז נאך די ערשיינונג!!!"

**די** צוויי הייליגע צדיקים זענען שטילערהייט ארויס געגאנגען פון דעם שטוב, און זיך געלאזט גיין אין די ריכטונג פון די הויכע בערג וועלכע זענען געווען אויפן וועג צום שטעטישן

בית החיים.

**די** נאכט איז געווען אנהייב פון דעם חודש און א טונקעלקייט האט דארט געהערשט. בלויז די שטראלן פון די טויזנטע שטערנס האבן געפינקעלט פון די הויכקייט פון דעם קלאהרן הימל. דער ווינט האט געבלאזען און געפיפען אזוי ווי ער וואלט זיי באגלייט.

**א** גאנצע צייט גייענדיג אויפן וועג האבן די צוויי צדיקים געשוויגען און קיין מינדעסטן ווארט נישט ארויס גערעדט. דער "מאור ושמש" האט נישט דערוואיגט צו פרעגן ווי מען גייט? אדער וואס וועט מען יעצט זעהן? - דאס איז געווען א באהאלטענע סוד אויף וואס מען פרעגט נישט קיין שאלות. מיטן גאנצן הארץ פראבירט ער אויסצופיהרן דעם רצון פון זיין רבי'ן - נישט מסיח דעת זיין פון באשעפער.

**זיי** דערגרייכען צו א באשטימטן ארט, און דער הייליגער רבי האט זיך אפגעשטעלט און אנגעהויבן ארום קוקען אין דעם גאנצן געגענט. א אויסערגעווענליכע שטילקייט האט דארט געהערשט און א שרעקליכע גייסט פון ציטער האט געשוועבט אויף די צוויי צדיקים. זיי האבן געפיהלט אזוי ווי זייער נשמה געפונט זיך נישט אויף די וועלט.

**רבי** ר' אלימלך זי"ע שטייט דארט מיט פעסט פארמאכטע אויגן פארטיפט אין זיינע הייליגע מחשבות, און זיין פנים איז פלאמענדיג רויט. דער "מאור ושמש" ווארפט זיך פון גרויס שרעק און ער פאלט ממש פון די פוס. און אט הערט ער ווי דער רבי זי"ע רופט זיך אהן צו איהם מיט א ווייכע שטימע: "חזק ואמץ! שטארק זיך מיט א דערהויבענע פעסטקייט, לאז זיך נישט אפשוואכען, דאן וועסטו זוכה זיין צו זעהן די הייליגע ערשיינונג ביז צו די ענדע"!!

**דער** רבי זי"ע האט באלד א כאפ געטוהן די צוויי הענט פון זיין תלמיד און זיי אריין געשטיפט טיף אין זיין גארטעל, און אויפגעהויבן זיינע הענד צום הימל - - - - -

**דער** צדיק האט געבראכען די שטילקייט מיט א תפילה וואס ער האט ארויסגעזאגט, און מייחד געווען יחודים מיט שמות הקדושים. באלד האבן זיך די הויכע הימלען געשפאלטן. א ריזיגע פייער האט אראפ געניזדערט אויף די וועלט, און די שטארקע פייער האבן זיך צושפרייט צעהנדליגע טויזענטע פונקען וואס האבן באדעקט די גאנצע הוילקייט פון די וועלט פון איין עק ביז צום צווייטן עק.

**א** קורצע צייט דערנאך האבן זיך איינגעזאמעלט אלע פייער-פונקען פון די גאנצע וועלט, און זענען איינגעשלינגען געווארן אין דער ערד נעבן זייער פוס.

**דער** "מאור ושמש" איז נישט געווען בכח צו צוקוקען אזוי לאנג צו דעם הייליגן און מורא'דיגן בילד, און זיינע אויגן זענען פון גרויס שרעק פארטונקעלט געווארן. און ווען נישט וואס ער האט אנגעכאפט דעם רבי'ן מיט זיינעביידע הענט, וואלט ער אוועק געפאלען חלשות.

**דערנאך** הערט ער ווי דער רבי זי"ע שרייט אויס: "שוין גענוג"! - און באלד האבן זיך די הימלען צוריק פארמאכט און די פייער איז פון דארט פארשוואונדען געווארן.

**דער** "מאור ושמש" האט צוביסלעך צוריק געעפענט זיינע אויגן און זיך אנגעשטרענגט צו איינהאלטן זיין שרעק. מיט גרויס וואונדער און שטיינונג האט ער אריין געקוקט אין דעם רבי'נס אויגן און געווארט אויף א ערקלערונג אויף דעם גאנצן פאסירונג.

**און** דער רבי זי"ע האט זיך אנגערופען: "פון אייביג אהן האב איך געוואוסט און פארשטאנען דעם געוואלדיג גרויסן כח פון דעם הייליגן בעש"ט זי"ע. א סאך תנאים און אמוראים און אויך אנדערע פריערדיגע גרויסע צדיקים האבן נישט זוכה געווען צו דעם טיטעל "בעל שם טוב". ביז עס איז געבוירן געווארן דער צדיק רבי ישראל פון מעזשבוזש זי"ע און באקומען פון הימל דעם טיטל". און דער רבי זאגט ווייטער: "אלעמאהל האב איך געשטרעבט און געגלוסט צו זעהן די גרויסקייט פון זיין קדושה, אבער פון הימל האט מען מיר דאס נישט נאכגעגעבן. נאך פוהל שטארקע תפילות האט מען מיר אנטפלעקט אז ערשט א קורצע צייט פאר מיין פטירה וועל איך זוכה זיין דערצו. אצינד מיין טייערע תלמיד, וואוסען זאלסטו, אז די גרויסע פייער וואס דו האסט געזעהן, דאס איז געווען די הייליגע נשמה פון דעם בעל שם טוב זי"ע. די פונקען וואס זענען צושפרייט געווארן אויף אלע זייטן פון די וועלט, דאס איז דער גרויסער כח התורה והחסידות וואס שיינט אויף אלע פיהר עקן פון די וועלט, בזכות פון דעם בעש"ט זי"ע".

**"דערפאר** הער מיך גוט צו" - ענדיגט דער רבי זיינע ווערטער - "עס איז שוין אנגעקומען מיין צייט צו פארלאזען די

וועלט. ווען מיינע תלמידים וועלן זוכען א פאסיגע ארט מיך צו באגראבן, זאלסטו זיי זאגן אז דא אויף דעם ארט - ווי ס'האט זיך אנטפלעקט פאר אונז די גרויסע ערשיינונג פון דעם בעל שם טוב'ס נשמה -וויל איך טרעפן מיין ריהונג".

**רבי** ר' אלימלך זי"ע זוכט אויס פיהר לאנגע לייסטלעך און ער שטעקט זיי אריין אויף די פיהר זייטען, אלץ צייכען אז דארט וויל ער באגראבן ווערן.

**די** צוויי צדיקים האבן פארלאזט דעם ארט, אבער דער "מאור ושמש" האט זיך נאך אלץ געמוזט אנכאפן אין דעם רבי'ן, ווייל ער האט זיך נאך נישט געקענט אינגאנצן בארוהיגן פון דעם הייליגן און מורא'דיגן ערשיינונג וואס האט זיך אפגעשפילט פאר זיינע אויגן.

**עטליכע** טעג שפעטער, כ"א אדר תקמ"ז איז דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע נסתלק געווארן בקדושה וטהרה, און זיינע תלמידים האבן איהם מקבר געווען טאקע אויף דעם ארט פון די הייליגע ערשיינונג פון דעם בעש"ט זי"ע.

* * *

**דער** צדיק און בעל מקובל רבי חנוך העניך פון אלעסק זי"ע, פלעגט נאכזאגן פון זיין שווער - כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע, וואס ער האט געהערט ווי דער גרויסער רבי פון לובלין זי"ע האט אזוי געזאגט: "אז עס וועט קומען א מענטש און וועט מיר דערצעהלן אז ער האט געזעהן אז דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע בויט א גרויסע לייטער, און קרוכט ארויף אין הימל לעבעדיגערהייט מיט זיינע קליידער, וועל איך איהם גלייבען. ווייל אלעס וואס מען דערצעהלט אויף דעם בעש"ט זי"ע קען זיין אמת"!!!

* * *

**כ"ק** מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע האט דערצעהלט, אז איינמאהל האט ער געזעהן אין חלום, אז מען פיהרט איהם ארום אין גן עדן העליון, און מען ווייזט איהם די מויערן פון "ירושלים של מעלה". און אויף איינע פון די מויערן שפאצירט ארום אן אלטער מענטש. אויף זיין שאלה ווער יענער מענטש איז? האט מען איהם געענטפערט: אז דאס איז רבי ישראל בעל שם טוב זי"ע, וואס ער האט געשוואוירען אז ער וועט נישט אראפ גיין פון די מויערן ביז משיח וועט קומען און צוריק אויפבויען דעם בית המקדש.

* * *

**כ"ק** מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע האט גזעאגט: "ביז משיח וועט קומען, אין יעדע ארט פון די וועלט, וועלכער איד עס זאל נאר זיין, אז ער וועט האבן אפילו נאר א קליינע און קורצע מחשבה פון תשובה, קומט דאס אלעס פון דעם גרויסן כח הקדושה פון דעם הייליגען בעל שם טוב זי"ע..

* * *

**פסח** שנת תק"כ ווען דער גרויסער צדיק הרה"ק ר' פנחס קוריצער זי"ע איז געווען ביים הייליגען בעל שם טוב זי"ע אויף יום טוב, איז ר' פנחס זצ"ל אביסעל שוואך געווען און וועגען דעם נישט געגאנגען אין מקוה ערב שביעי של פסח.

**שביעי** של פסח בייטאג אינמיטען דאווענען האט ר' פנחס זצ"ל געזעהן מיט זיינע לעכטיגע אויגן אז עס איז נגזר געווארען אין הימל אויף דעם הייליגען בעל שם טוב אז ער מוז נסתלק ווערען פון די וועלט.

**ר'** פנחס זצ"ל האט זיך זייער געשטארקט און געבעטען דעם באשעפער אז ער זאל מבטל זיין דעם גזירה. עס האט איהם זייער פארדראסען אז ער איז נישט געגאנגען ערב יום טוב אין מקוה, ווייל ער וואלט דאס אודאי געזעהן ווען ער וואלט געווען אין מקוה, און אזוי וואלט ער זיכער געקענט אויס'פועל'ען.

**נאכען** דאווענען האט איהם דער בעש"ט געפרעגט צו ער איז נעכטען ערב יום טוב געגאנגען אין מקוה. האט ער געענפערט, "ניין". האט איהם דער בעל שם טוב געזאגט "אויב אזוי קען מען שוין גארנישט טוהן".

**נאך** פסח האט די בעש"ט זיך אנגעהויבען נישט גוט צו שפירען. טראץ דעם האט ער זיך געשטארקט און ווייטער געדאווענט ביים עמוד כדרכו בקודש.

**שבועות** בייצאכט האבן זיך צוזאמגענומען די הייליגע חבריא פון'ם בעש"ט צו זיין אויף א גאנצע נאכט לערנען. ביינאכט האט דער בעש"ט זיי געזאגט דברי תורה וועגען עניני מתן תורה.

**צופרי** האט דער בעש"ט צוזאם גערופען זיינע תלמידים. ער האט באפוילען ר' לייב קעסלער זי"ע און נאך איינעם, אז זיי זאלען זיך מתעסק זיין מיט זיין קבורה. ווייל זיי זענען געווען די חברא קדישא, ער האט זיי אויך אויסגעלערנט

פארשידענע זאכען.

**דערנאך** האט ער געהייסען אז מ'זאל אריין רופען א מנין אין צימער צום דאווענען און ער האט אזוי געזאגט: "לאמיר נאך אביסעל שמיסען מיט'ן רבונו של עולם".

**נאכ'ן** דאווענען איז ר' נחמן מהרדעינקא זי"ע געגאנגען אין בית המדרש מתפלל צו זיין אויף זיין הייליגען רבי אז ער זאל געזונט ווערען, האט דער בעל שם טוב זיך אנגערופען: "ער איז מתפלל בחינם. אויב ער וואלט געקענט אריין דורך יענער טיר ווי איך פלעג אריין, וואלט ער יא געקענט פועל'ען".

**שפעטער** זענען זיך צאמגענגעקומען די שטאטישע מענטשען מקבל צו זיין פני רבם ברגל. דער בעש"ט האט זיי געזאגט דברי תורה.

**אינמיטען** די סעודה האט ער געהייסען דעם משרת אז ער זאל עפעס אריין לייגען אין די גרויסע פלעשעל. דער משרת, נישט כאפענדיג, האט עס אריינגעלייגט אין די קליינע פלעשעל. האט דער בעל שם טוב זיך אנגערופען "אין שלטון ביום המות, אויך די גבאי פאלגט מיר שוין נישט".

**דער** בעש"ט האט געגעבען א סימן פאר זיינע תלמידים, אז בשעת זיין פטירה וועלען זיך אפשטעלען די צוויי זייגערס פון זיין שטוב.

**ער** האט זיך געוואשען די הענט, און ס'האט זיך אפגעשטעלט דער גרויסער זייגער. דער בעש"ט איז געשטאנען, האבען איהם די תלמידים ארום גענומען כדי אז ער זאל נישט זעהן די זייגער, האט ער זיי געזאגט: "איך ווייס אז עס האט זיך אפגעשטעלט, אבער איך זארג מיך נישט, ווייל איך ווייס קלאר אז אזוי ווי איך גיי ארויס פון דער טיר גיי איך גלייך אריין אין די אנדערע.

**נאכדעם** האט זיך דער בעל שם טוב געזעצט אויפן בעט און באפוילען די תלמידים אז זיי זאלען זיך שטעלען ארום איהם. דערנאך האט ער זיי געזאגט דברי תורה וועגען עניני גן עדן.

**דערנאך** האט ער זיי געהייסען זאגען "ויהי נועם" און ער האט זיך געלייגט אין בעט, און זיך צוריק אויפגעזעצט עטליכע מאהל, און מכוין געווען כוונת, ביז מ'האט שוין נישט געהערט קיין ווערטער וואס ער זאגט, ער האט געהייסען אז מען זאל איהם צודעקען מיט א ליילעך, און ער האט אנגעהויבען ציטערען אזוי ווי ער פלעגט ביי שמונה עשרה.

**דערנאך** האט ער גערוהט און מען האט באמערקט אז די צווייטע זייגער האט זיך אפגעשטעלט, האט מען פארשטאנען אז ער איז שוין אויפן אמת'ער וועלט.

**נאכ'ן** פטירה פון בעל שם טוב האבען זיך צוזאם גענומען די חבריא צו איבערשמיסען די דברי תורה וואס זיי האבען געהערט פון זייער הייליגע רבי'ן.

**דער** הייליגער בעל שם טוב האט זיך שפעטער באוויזען צו זיינע תלמידים אין חלום און געפרעגט "פארוואס לייגט עטץ אייער הארץ נאר צו מיין תורה, און נישט צו מיין יראת שמים? זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

# מסכת שבת דף פח ע"א

דרש ההוא גְלִילָאָה עֲלֵיהּ דרב חסדא, בריך רחמנא דְיָהַב אוריאן תליתאי לעם תליתאי על ידי תליתאי ביום תליתאי בירחא תליתאי כמאן כרבנן: ויתיצבו בתחתית ההר. א"ר אבדימי בר חמא בר חסא, מלמד שֶׁכָּפָה הקדוש ברוך הוא עליהם את ההר כגיגית, ואמר להם אם אתם מקבלים התורה, מוטב, ואם לאו שם תהא קבורתכם, אמר ר' אחא בר יעקב מכאן מודעא רבה לאורייתא, אמר רבא אף על פי כן, הָדוּר קִבְּלוּהָ בימי אחשורוש, דכתיב קימו וקבלו היהודים, קיימו מה שקבלו כבר. אמר חזקיה מאי דכתיב מִשָּׁמַיִם הִשְׁמַעְתָּ דִּין, אֶרֶץ יָרְאָה וְשָׁקָטָה, אם יָרְאָה למה שָׁקָטָה, ואם שָׁקָטָה למה יָרְאָה, אלא בתחילה יָרְאָה ולבסוף שָׁקָטָה, ולמה יָרְאָה, כדריש לקיש דאמר ריש לקיש, מאי דכתיב ויהי ערב ויהי בקר יום הששי, ה' יתירה למה לי, מלמד שהתנה הקב"ה עם מעשה בראשית, ואמר להם אם ישראל מקבלים התורה, אתם מתקיימין, ואם לאו, אני מחזיר אתכם, לתוהו ובוהו:

דרש ר' סימאי בשעה שהקדימו ישראל נעשה לנשמע, באו ששים ריבוא של מלאכי השרת, לכל אחד ואחד מישראל קשרו לו שני כתרים, אחד כנגד נעשה, ואחד כנגד נשמע, וכיון שחטאו ישראל, ירדו מאה ועשרים ריבוא, מלאכי חבלה ופירקום, שנאמר ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב, א"ר חמא בר' חנינא בחורב טענו בחורב פרקו, בחורב טענו כדאמרן בחורב פרקו, דכתיב ויתנצלו בני ישראל וגו'. אמר רבי יוחנן וכולן זכה משה ונטלן דסמיך ליה ומשה יקח את האהל.

עליה דרב חסדא. לפני רב חסדא, לפי שרב חסדא יושב, והדרשן עומד, קאמר עליה לדומה כמו שהעומד למעלה מן היושב: אוריאן תליתאי. תורה נביאים וכתובים: לעם תליתאי. כהנים לוים וישראלים: על יד תליתאי. משה תליתאי לבטן, מרים אהרן ומשה: ביום תליתאי. לפרישה: תחתית ההר. תחת ההר ממש: גיגית. קובא שמטילין בה שכר: מודעא רבה. שאם יזמינם לדין למה לא קיימתם מה שקבלתם עליכם יש להם תשובה, שקבלוה באונס: בימי אחשורוש. מאהבת הנס שנעשה להם: דין. תורה: בתחילה. קודם שאמרו ישראל נעשה ונשמע: יראה. שמא לא יקבלוה, ויחזור העולם לתהו ובהו, כדריש לקיש: ולבסוף. כשקבלוה:

# טייטש פון אהבה רבה

**אַהֲבָה רַבָּה** א גרויסע ליבשאפט **אֲהַבְתָּנוּ** האסטו אונז ליב געהאט **ד' אֱלֹהֵינוּ.** דער אייבערשטער אונזער באשעפער **חֶמְלָה גְדוֹלָה** א גרויסער דערבארעמונג **וִיתֵרָה** און אן אויסערגעוועהנליכע **חָמַלְתָּ** האסטו זיך דערבארעמט **עָלֵינוּ:** אויף אונז **אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ.** אונזער טאטע אונזער קעניג **בַּעֲבוּר שִׁמְךָ הַגָּדוֹל** פון וועגן דיין גרויסע נאמען **וּבַעֲבוּר אֲבוֹתֵינוּ** און פון וועגן אונזערע עלטערן **שֶׁבָּטְחוּ בְךָ.** וואס זיי האבן זיך פארזיכערט אויף דיר **וַתְּלַמְּדֵם** און דו האסט זיי געלערנט **חֻקֵּי חַיִּים** געזעצן פון לעבן (תורה און מצות) **לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ** צו טון דיין ווילן **בְּלֵבָב שָׁלֵם.** מיטן גאנצן הארץ **כֵּן תְּחָנֵּנוּ** אזוי אויך זאלסט אונז שענקען **וּתְלַמְּדֵנוּ:** און זאלסט אונז לערנען (די תורה) **אָבִינוּ** אונזער פאטער **אָב הָרַחֲמָן.** דער דערבארעמדיגער פאטער **הַמְרַחֵם.** וואס דערבארעמט זיך **רַחֵם נָא עָלֵינוּ.** איך בעט דיך האב רחמנות אויף אונז **וְתֵן בְּלִבֵּנוּ** און גיב אין אונזער הארץ **בִּינָה** פארשטאנד **לְהָבִין** צו פארשטיין **וּלְהַשְׂכִּיל.** און זיך צו קלוגן **לִשְׁמֹעַ.** צו דערהערן **לִלְמֹד** צו לערנען פאר זיך **וּלְלַמֵּד.** און צו לערנען פאר אנדערע **לִשְׁמֹר** זיך צו היטן (פון עבירות) **וְלַעֲשׂוֹת** און צו טוהן (מצות) **וּלְקַיֵּם** און איינצוהאלטן **אֶת כָּל דִּבְרֵי** די אלע רייד **תַלְמוּד תּוֹרָתֶךָ** פון די לערנונג פון דיין תורה **בְּאַהֲבָה:** מיט ליבשאפט **וְהָאֵר עֵינֵינוּ** און דערלייכט אונזער אויגן **בְּתוֹרָתֶךָ.** אין דיין תורה **וְדַבֵּק לִבֵּנוּ** און באהעפט אונזער הארץ **בְּמִצְוֹתֶיךָ.** אין דיינע מצות **וְיַחֵד לְבָבֵנוּ** און טו איינציגן אונזער הארץ **לְאַהֲבָה** צו ליב האבן **וּלְיִרְאָה** און זיך צו פארכטן **אֶת שְׁמֶךָ.** פון דיין נאמען **לְמַעַן** פון וועגן **לֹא נֵבוֹשׁ** מיר זאלן זיך נישט דארפן שעמען **וְלֹא נִכָּלֵם** און מיר זאלן נישט פארשעמט ווערן **וְלֹא נִכָּשֵׁל** און מיר זאלן נישט געשטרויכלט ווערן **לְעוֹלָם וָעֶד:** ביז אייביג **כִּי בְשֵׁם קָדְשְׁךָ** ווייל אין דיין הייליגן נאמען **הַגָּדוֹל** וואס איז גרויס **הַגִּבּוֹר** וואס איז שטארק **וְהַנּוֹרָא** און וואס איז פארכטיג **בָּטָחְנוּ.** טוהן מיר זיך פארזיכערן **נָגִילָה** מיר וועלן זיין לוסטיג **וְנִשְׂמְחָה** און מיר וועלן זיך פרייען **בִּישׁוּעָתֶךָ:** מיט דיין הילף **וְרַחֲמֶיךָ** און דיין רחמנות **ד' אֱלֹקֵינוּ** דער אייבערשטער אונזער באשעפער **וַחֲסָדֶיךָ הָרַבִּים.** און דיין פיל גוטס **אַל יַעַזְבוּנוּ)** (**יִטְּשׁוּנוּ**) זאל אונז נישט פארלאזן **נֶצַח סֶלָה וָעֶד:** ביז אייביגע אייביגקייטן **מַהֵר** אייל דיך צו (השי"ת) **וְהָבֵא עָלֵינוּ** און ברענג אויף אונז **חַיִּים** לעבן **בְּרָכָה וְשָׁלוֹם** בענטשינג און פרידן **מְהֵרָה** שנעל **מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת** פון די פיר עקן **כָּל הָאָרֶץ.** פון די גאנצע וועלט **וּשְׁבוֹר** און צוברעך **עוֹל הַגּוֹיִם** די יאך פון די גוים **עוֹל הַגָּלֻיּוֹת** די יאך פון דעם גלות **מֵעַל צַוָּארֵנוּ.** פון אונזער האלדז **וְתוֹלִיכֵנוּ מְהֵרָה** און זאלסט אונז פירן שנעל **קוֹמְמִיּוּת** אויפגעשטעלט הויעך **לְאַרְצֵנוּ:** צו אונזער לאנד **כִּי אֵל** ווייל א באשעפער **פּוֹעֵל יְשׁוּעוֹת** וואס טוט העלפן **אָתָּה.** ביסטו **וּבָנוּ בָחַרְתָּ** און אין אונז האסטו אויסדערוועלט **מִכָּל עַם** פון א יעדן פאלק **וְלָשׁוֹן.** און פון א יעדן שפראך **וְקֵרַבְתָּנוּ** און דו האסט אונז דערנענטערט **מַלְכֵּנוּ** אונזער קעניג **לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל** צו דיין גרויסע נאמען **סֶלָה.** אייביג **בֶּאֱמֶת** מיט אמת **בְּאַהֲבָה:** און מיט ליבשאפט **לְהוֹדוֹת לְךָ** דיך צו לויבן **וּלְיַחֶדְךָ** און דיך צו איינציגן **בְּאַהֲבָה** מיט ליבשאפט **וּלְאַהֲבָה** און ליב צו האבן **אֶת שְׁמֶךָ:** דיין נאמען **בָּרוּךְ אַתָּה ד'.** געלויבט ביסטו השי"ת **הַבּוֹחֵר** וואס האט אויסגעוועלט **בְּעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל** אין זיין אידישע פאלק **בְּאַהֲבָה:** מיט ליבשאפט

# פיוט פון כיבוד אב ואם

**הקדמה:** אזוי ווי אין די עשרת הדברות שטייט די מורא׳דיגע מצוה פון "כיבוד אב ואם" וואס איז זייער וויכטיג פאר קינדער כסדר מעורר צו זיין אין דעם ענין, וועלן מיר אראפברענגען דעם פיוט וואס מ׳זאגט דעם צווייטען טאג שבועות, געטייטש אין אידיש, וואס דאס וועט בעזהי״ת מעורר זיין די קינדער צו די געוואלדיגע מצווה, ווייל מיר ווייסען אז די אלע זאכן זענען געשריבען געווארען מיט רוח הקודש.

**אוֹמֶן וּמֵינֶקֶת** דיין טאטע און דיין מאמע **בְּךָ מִתְעַסְּקִים** טוען זיך מיט דיר באשעפטיגען **בְּשֶׁלָּךְ** וועגן דיר - מיין קינד **תְּחִלָּה** פון אנהייב **כְּאֵזוֹר דְּבֵקִים** האבן זיי חתונה צו האבן קינדער **גְּעִיַּת שַׁוַע** געשרייען פון געבעט **וְתַחַן** און תחנונים **מְפִיקִים** טוען זיי ארויס ציען פון זייער מויל **דּוֹרְשִׁים לְצוֹרָם** זיי בעטען פון זייער באשעפער **הֱיוֹת בֵּן חוֹבְקִים** אז זיי זאלען האבן א ערליכע קינד **הוּשְׁתָּפוּ שְׁנֵיהֶם**ביידע - טאטע און מאמע ווערן שותפים **עִמּוֹ עֲסוּקִים** און זיי טוען זיך באשעפטיגען מיט׳ן קינד **וְנוֹצַרְתָּ וְנוֹלַדְתָּ** און דו ביסט געבוירען געווארען **לְעִתֵּי חוּקִים** צו די באשטימטע צייט וואס איז געווען באשערט **זִכּוּךָ וְהֱבִיאוּךָ** זיי האבן דיך מזכה געווען, און דיך אריינגעברענגט **בִּבְרִית לְהָקִים** אין דעם ברית מילה **חִבְּקוּךָ בִּרְכַּיִם** זיי האבן דיך געהאלטן אינעם שויס, **וְשָׁדַיִם מֵנִיקִים** און געגעבען צו עסן קליינערהייט **טֶרֶף חוּקֶּיךָ** דיינע באשטימטע שפייז **זָנִים וּמַשְׁקִים** האבן זיי דיר געשפייזט, און געגעבן צו טרינקען **יְגִיעַת עֲמָלָם** זייער מי און פלאג **עִמְּךָ מְחַלְּקִים** טוען זיי מיט דיר זיך צוטיילן **כּוֹשֶׁר וּמוּסָר** מיט רעכטפארטיגע און מוסר׳דיגע רייד **מְחַנְּכִים וּמְחַזְּקִים** טוען זיי דיך מחנך זיין און שטארקן **לָשׁוֹן לִימּוּדִים** זיי לערנען דיך אויס די ריכטיגע שפראך **וּדְבָרִים עֲתִיקִים** זאלסט קענען לערנען די רייד פון די תורה **מְתַקְּנִים לְךָ עֵזֶר** זיי טוען דער שפעטער פארשאפן א פרוי **וּלְהַשִּׂיאֲךָ זוֹקְקִים** און זיי טוען דיך חתונה מאכן **נוֹשְׂאִים פֶּלֶל עֲבוּרְךָ** זיי טוען בעטען תפלות פאר דיר **וְלָקֵל זוֹעֲקִים** און צום באשעפער טוען זיי שרייען **סָמְכֵם בְּמַאֲכָל** טוה זיי העלפען מיט׳ן געבען צו עסן **וּבְמִשְׁתֶּה וּבְתַמְרוּקִים** און געטראנקען, און זיסע זאכן **עָנְדֵם בִּכְסוּת נְקִיָּה** טו זיי באצירען מיט א זויבערע קליידונג **בַּחֲשׁוּקִים** אז זיי זאלען זיך מיט דעם ארומגארטלן **פְּנֵה לְגַעֲרָתָם** הער צו זייער געשריי, און מוסר רייד **לְבַל יְהוּ מְצוּקִים** אז זיי זאלען ח״ו נישט האבן קיין צער פון דיר **צְפֵה לְמוּסָרָם** קוק דיך אום אויף זייער מוסר רייד **וְלֹא תְּרֵדֵף רֵקִים** און לויף נישט נאך ליידיגע יונגען ח״ו **קַיֵּם כִּיבוּדָם וּמוֹרָאָם** זיי מקיים מצות כיבוד ומורא אב ואם, **כַּחֻקִּים** אזוי ווי די מצוה פון די תורה איז **רְבוּת אוֹרֶךְ יָמִים** די מצוה פארלענגערט דיינע טעג **וּמְעוֹן מְנוּקִים** און אזוי וועסטו זיין ריין פון עבירות **שָׂם לִכְבוֹדוֹ** דער אויבערשטער האט צוגעגליכענט זייער כבוד צו זיינ׳ס **וּלְמוֹרָאוֹ גּוֹזֵר וּמְקַיֵּם** און צו די מורא פון אויבערשטען וואס איז גוזר ומקיים **תַּחַת כֵּן** וועגן די מצוה פון כיבוד אב **יְהוֹדוּהוּ מַלְכֵי אֲרָקִים** האבן אלע אומות העולם מודה געווען צום אויבערשטען ביי מתן תורה

(גמ׳ קידושין ל״א)

# ניגונים לכבוד שבועות

## א

**אוֹרֵייתָא בְּרַתַּיָא, לְמַאן בָּעֵית לְמֶהֱוַיָא, לְמַאן בָּעֵית לְמֶהֱוַיָא**
**אַנָא בְּעַיָא, אַנָא בְּעַיָא, לְמֵיהַב לָךְ לְאָדָם קַדְמַיָא** (צוויי מאל)
**לָא בְּעַיָא, לָא בְּעַיָא, בְּגִין דְאָכַל מִן אָעַיָא** (צוויי מאל)
תורה מיין געליבטע טאכטער מיט וועמען'זשעט ווילסטו חתונה האבן
זאג'זשעט מיר וועל איך אים אויסקלויבן
איך וועל דיר זאגן באלד, מיט וועמען כ'וועט געוואלט
חתונה מאכן דיר מיט אדם הראשון (צוויי מאל)
דער שידוך איז טאקע גוט, נאר מיר געפעלט ער נישט
ווייל ער האט פון דיין געבאט פארגעסן
דער שידוך איז טאקע גוט ,נאר אים וויל איך נישט
ווייל ער האט פון דעם עץ הדעת געגעסען

## ב

**אוֹרֵייתָא בְּרַתַּיָא, לְמַאן בָּעֵית לְמֶהֱוַיָא, לְמַאן בָּעֵית לְמֶהֱוַיָא**
**אַנָא בְּעַיָא, אַנָא בְּעַיָא, לְמֵיהַב לָךְ לְנֹחַ צַדִּיקַיָא** (צוויי מאל)
**לָא בְּעַיָא, לָא בְּעַיָא, בְּגִין דְשָׁתָא מִן חַמְרַיָא** (צוויי מאל)
תורה מיין געליבטע טאכטער מיט וועמען'זשעט נאר ווילסטו חתונה האבן
זאג'זשעט מיר וועל איך אים אויסקלויבן
איך וועל דיר זאגן באלד, מיט וועמען כ'וועט געוואלט
חתונה מאכן דיר מיט נח הצדיק (צוויי מאל)
דער שידוך איז טאקע גוט, נאר מיר געפעלט ער נישט
איך וועל קיינמאל זיין כלה נישט זיין
דער שידוך איז טאקע גוט ,נאר אים וויל איך נישט
ווייל ער האט געטרינקען מער ווי אביסעלע וויין

## ג

**אוֹרֵייתָא בְּרַתַּיָא, לְמַאן בָּעֵית לְמֶהֱוַיָא, לְמַאן בָּעֵית לְמֶהֱוַיָא**
**אַנָא בְּעַיָא, אַנָא בְּעַיָא, לְמֵיהַב לָךְ לְאַבְרָהָם רְחִימַיָא** (צוויי מאל)
**לָא בְּעַיָא, לָא בְּעַיָא, בְּגִין דְשָׁאַל בַּמֶּה אֵדַעַיָא** (צוויי מאל)
תורה מיין געליבטע טאכטער מיט וועמען'זשעט ווילסטו חתונה האבן
זאג'זשעט מיר וועל איך אים דיר אויסקלויבן
איך וועל דיר זאגן באלד, מיט וועמען כ'וועט געוואלט
חתונה מאכן דיר מיט אברהם מיין געליבטער (צוויי מאל)
דער שידוך איז טאקע גוט, נאר מיר געפעלט ער נישט
איך וועל קיינמאל נישט זיין זיין כלה
דער שידוך איז טאקע גוט ,נאר אים וויל איך נישט
ווייל ער האט געפרעגט א שאלה

***

## ד

**אוֹרֵייתָא בְּרַתַּיָא, לְמַאן בָּעֵית לְמֶהֱוַיָא, לְמַאן בָּעֵית לְמֶהֱוַיָא**
**אַנָא בְּעַיָא, אַנָא בְּעַיָא, לְמֵיהַב לָךְ לְיִצְחָק עֲקֵידָתַיָא** (צוויי מאל)
**לָא בְּעַיָא, לָא בְּעַיָא, בְּגִין דְרָחִים מְשַׂנְאַיָא** (צוויי מאל)
תורה מיין געליבטע טאכטער מיט וועמען'זשעט ווילסטו חתונה האבן
זאג'זשעט נאר מיר וועל איך אים דיר אויסקלויבן
איך וועל דיר זאגן באלד, מיט וועמען כ'וועט געוואלט
חתונה מאכן דיר מיט יצחק בעל עקידה (צוויי מאל)
דער שידוך איז טאקע גוט, נאר מיר געפעלט ער נישט
ווייל ער האט ליב געהאט דיין שונא
דער שידוך איז טאקע גוט ,נאר אים וויל איך נישט
ווייל ער האט ליב געהאט עשו'ניא

## ה

**אוֹרֵייתָא בְּרַתַּיָא, לְמַאן בָּעֵית לְמֶהֱוַיָא, לְמַאן בָּעֵית לְמֶהֱוַיָא**
**אַנָא בְּעַיָא, אַנָא בְּעַיָא, לְמֵיהַב לָךְ לְיַעֲקֹב תְּמִימַיָא** (צוויי מאל)
**לָא בְּעַיָא, לָא בְּעַיָא, בְּגִין דנָסִיב אַחְתַיָא** (צוויי מאל)
תורה מיין געליבטע טאכטער מיט וועמען'זשעט ווילסטו חתונה האבן
זאג'זשעט מיר וועל איך אים דיר אויסקלויבן
איך וועל דיר זאגן באלד, מיט וועמען כ'וועט געוואלט
חתונה מאכן דיר מיט יעקב איש תם (צוויי מאל)
דער שידוך איז טאקע גוט, נאר מיר געפעלט ער נישט
ער איז ביי מיר נאכנישט דער בעסטער
דער שידוך איז טאקע גוט ,נאר אים וויל איך נישט
ווייל ער האט גענומען צוויי שוועסטער

## ו

**אוֹרֵייתָא בְּרַתַּיָא, לְמַאן בָּעֵית לְמֶהֱוַיָא, לְמַאן בָּעֵית לְמֶהֱוַיָא**
**אַנָא בְּעַיָא, אַנָא בְּעַיָא, לְמֵיהַב לָךְ לְמֹשֶׁה רַעְיָא מְהֵימְנָא** (צוויי מאל)
**הֵן בְּעַיָא, הֵן בְּעַיָא, בְּגִין דְלָא יֵינַק מִן נָכְרַיָא** (צוויי מאל)
תורה מיין געליבטע טאכטער מיט וועמען'זשעט ווילסטו חתונה האבן
זאג'זשעט מיר וועל איך אים דיר אויסקלויבן
איך וועל דיר זאגן באלד, מיט וועמען כ'וועט געוואלט
חתונה מאכן דיר מיט משה רעיא מהימנא (צוויי מאל)
דער שידוך געפעלט מיר טאקע, און אים וויל איך טאקע
ווייל ער האט קיינמאל קיין טעם איסור נישט טועם געוועהן.

# ניגון אבינו אב הרחמן אויף אידיש

| | |
|---|---|
| אבינו אב הרחמן | טאטע מיר בעטן דיר, א תפילה א ווארימען, |
| המרחם רחם עלינו | טו דיך, אויף אונז דערבארימען. |
| ותן בלבינו בינה | און געב אריין, אין אונזער הארץ, פארשטאנד, |
| להבין ולהשכיל | צו פארשטיין דיין תורה, זאלן מיר זיין אימשטאנד. |
| לשמוע | אויסצוהערן וואס מען לערענט פָאר, |
| ללמוד וללמד | און אליין צו לערנען, קלאר, |
| לשמור ולעשות | און אויך צו לערנען, מיט אנדערע קלוגשאפט. |
| ולקיים | צו היטן תורה און מוסר, |
| את כל דברי | חלילה נישט טוהן קיין איסור, |
| תלמוד תורתך באהבה | מקיים צו זיין דיין ווילן, מיט ליבשאפט. |
| והאר ענינו | אונזערע אויגן באלייכט, |
| מיט א ליכטיגקייט וואס דערגרייכט, | |
| בתורתך | אריין אין דיין תורה, בתורתך. |
| ודבק לבינו | אונזער הארץ זאלסטו באהעפטן, |
| מיט די טייערסטע געשעפטן, | |
| במצותך | דאס זענען דיינע מצות, במצותך. |
| ויחד לבבינו | און אונזער הארץ טו באשטומען, |
| מיט אהבה אדורך גענומען, | |
| לאהבה | ליב צו האבן דעם הייליגן בורא. |
| לאהבה | און ציטערן פאר דיר, |
| וליראה | ביי א יעדן ריר, |
| את שמך | מיט א ריינע יראה טהורה. |

**כד יתבין ישראל ועוסקין ועוסקין בשמחת התורה, קודשא בריך הוא אומר, אומר לפמליא דיליה, חזו חזו, בני בני בני חביבי, דמשתכחין בצערא דילהון, ועוסקין בחדותא דילי,**

וועו אידישע קינדער זיצן און לערנען - און לערנען די הייליגע תורה,
וואס טוט דעמאלטץ אויבן אין הימל, דער הייליגער בורא.

ער רופט צוזאמען זיינע מלאכים, און ער זאגט צו זיי,
זעהטץ ווי מיינע ליבע קינדער, זענען מיר אזוי געטרייי.

אפילו זיי זענען אין א קלעם, אפילו עס גייט זיי שלעכט,
טוען זיי דאך דעם רצון השם, ווי איבער געגעבענע קנעכט.

אפילו זיי זענען אין א געפאר, זיי לעבן מיט פחד און מורא,
פארגעסן זיי פון זייערע צער, און לערנען די הייליגע תורה.

***

**וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ, וְדַבֵּק לִבֵּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ, וְיַחֵד לְבָבֵנוּ לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ,**

***

**עליונים ששו ותחתונים עלזו, בקבלת תורה מסיני,**

**תואר כלה מאוד נתעלה, בקבלת תורה מסיני.**

***

ובאו כולם בברית יחד, נעשה ונשמע אמרו כאחד.

***

**טוב לי, טוב לי, תורת פיך מאלפי זהב וכסף.**

**עס איז בעסער צו לערנען הייליגע תורה, מער פון אלע גאלד און זילבער,**

***

לולי תורתך שעשעי אז אבדתי בעניי, לעולם לא אשכח פקדיך, כי בם חייתני. וגו'.

***

**והערב נא ה' אלקינו, את דברי תורתך בפינו ובפיות עמך בית ישראל. וגו'.**

***

וטהר לבנו לעבדך לעבדך, לעבדך לעבדך באמת.

***

**ברוך הוא אלקינו שבראנו לכבודו. והבדלנו מן התועים. ונתן לנו תורת אמת.**

***

אני מאמין. וגו'. שזאת התורה לא תהא מחלפת, וגו'.

## זאגשע רבי'ניו...

**זאגשע רבי'ניו, וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען ?**

**ווען משיח וועט קומען וועלן מיר מאכען א סעודה'ניו**

### *וואס וועלן מיר עסען ביי דעם סעודה'ניו,?*

**די שר הבר מיט די לויתן, די שר הבר מיט די לויתן,**
די שר הבר און די לויתן וועלן מיר עסן, ביי די סעודה'ניו

### *וואס וועלן מיר טרינקען ביי דעם סעודה'ניו,?*

**די יין המשמר, די יין המשמר!**
די יין המשמר וועלן מיר טרינקן, די שר הבר און די לויתן וועלן מיר עסן, ביי די סעודה'ניו

### *ווער וועט אונז תורה זאגן ביי דעם סעודה'ניו?*

**משה רבינו, משה רבינו,**
משה רבינו וועט אונז תורה זאגן, די יין המשמר וועלן מיר טרינקן, די שר הבר און די לויתן וועלן מיר עסן, ביי די סעודה'ניו

### *ווער וועט אונז שפילן ביי דעם סעודה'ניו?*

**דוד המלך, דוד המלך,**
דוד המלך וועט אונז שפילן, משה רבינו וועט אונז תורה זאגן, די יין המשמר וועלן מיר טרינקן, די שר הבר און די לויתן וועלן מיר עסן, ביי די סעודה'ניו

### *ווער וועט אונז חכמה זאגן ביי דעם סעודה'ניו?*

**שלמה המלך שלמה המלך**
שלמה המלך וועט אונז חכמה זאגן, דוד המלך וועט אונז שפילן, משה רבינו וועט אונז תורה זאגן, די יין המשמר וועלן מיר טרינקן, די שר הבר און די לויתן וועלן מיר עסן, ביי די סעודה'ניו

### *ווער וועט אונז נבואה זאגן ביי דעם סעודה'ניו?*

**מרים הנבואה מרים הנבואה**
מרים הנבואה וועט נבואה זאגן, שלמה המלך וועט אונז חכמה זאגן, דוד המלך וועט אונז שפילן, משה רבינו וועט אונז תורה זאגן, די יין המשמר וועלן מיר טרינקן, די שר הבר און די לויתן וועלן מיר עסן, ביי די סעודה'ניו

אַמָאהל, אִין אַמָהל, אִין אַמָאהל, אִיז אֵיין מֶלֶך גֶעוֶועזֶן,
דֶער מֶלֶך, דֶער מֶלֶך, הָאט גֶעהַאט אַ טָאכְטֶער אוֹיס צוּ גֶעבְּן,
סְ'אִיז גֶעקוּמֶען דִי צֵייט,  זִי זָאל אֵיין מַאן עֶרקֶענֶען,
אִין קֵיינֶער הָאט זִי נִישְׁט גֶעוָואלט נֶעמֶען.

דֶער מֶלֶך, דֶער מֶלֶך, אִיז מִיט זַיין טָאכְטֶער אַרוּם גֶעלָאפֶען,
אַזוֹי לַאנג, אַזוֹי לַאנְג, בִּיז עֶר הָאט אַ פוֹיער אָנְגֶעטְרָאפֶען,
פוֹיעֶר פוֹיעֶר נֶעם מֵיין טָאכְטֶער, זִי וֶועט דִיר זַיין צוּ אֵיין קְרוֹין, נֵיין מֶלֶך נֵיין,
מִיט אַ מֶלֶך'ס אַ טָאכְטֶער וֵויים אִיך נִישְׁט וִויא אַזוֹי אַרוּם צוּ גֵיין

דֶער מֶלֶך דֶער מֶלֶך אִיז מִיט זַיין טָאכְטֶער וֵוייטֶער אַרוּם גֶעלָאפֶען
אַזוֹי לַאנג אַזוֹי לַאנג בִּיז עֶר הָאט אַ פָּרִיץ אָנְגֶעטְרָאפֶען,
פָּרִיץ פָּרִיץ נֶעם מֵיין טָאכְטֶער זִי וֶועט דִיר זַיין צוּ אַ קְרוֹין, נֵיין מֶלֶך נֵיין
מִיט אַ מֶלֶך'ס אַ טָאכְטֶער וֵויים אִיך נִישְׁט וִוי אַזוֹי אַרוּם צוּ גֵיין

דֶער מֶלֶך, דֶער מֶלֶך הָאט זִיך נִישְׁט פִיל מְיַישֶׁב גֶעוֶועזֶען,
אִין עֶר הָאט, אִין עֶר הָאט, זַיין טָאכְטֶער אִין דֶער מִשְׁפָּחָה אַרֵיין גֶעגֶעבֶען
עֶר הָאט פַאר אִיר גֶעטְרַאכט, עֶר הָאט זִי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט,
אִין מְכַבֵּד גֶעוֶוען דִי מְחוּתָּנִים מִיט אוּנטֶער פִירֶער שַׁאפְט

אַזוֹי לַאנג אַזוֹי לַאנג, מַאן אִין וַוייבּ הָאבֶען גֶעהַאט אַ גוּט לֶעבֶען,
הָאט עֶר זַי,הָאט עֶר זַי, קֶעסְט בֵּיי זַיין טִישׁ גֶעגֶעבֶען,
אַלֶע סוֹדוֹת פַאר טְרוֹיעֶרט, אִין זַיין הוֹיז אַרֵיין גֶענוּמֶען,
אִין אוֹיך אַ שֵׁיינֶעם פַּאלַאץ פַאר זַיי אוֹיף גֶעבּוֹיעֶט.

אָבֶער אַזוֹי בַּאלְד, אַזוֹי בַּאלְד,
מַאן אִין וַוייבּ הָאבֶען אָנְגֶעהוֹיבֶען שְׁלֶעכְט צוּ לֶעבֶען,
הָאט עֶר זַי,הָאט עֶר זַי, מֶער קֵיין קֶעסְט בֵּיי זַיין טִישׁ גֶעגֶעבֶען
מֶער קֵיין סוֹדוֹת פַאר טְרוֹיעֶרט, פוּן זַיין הוֹיז פַארְטרִיבֶּען,
אִין אוֹיך זֵייעֶר שֵׁיינֶעם פַּאלַאץ אוֹיף גֶערִיבֶּען

דָאס מָשָׁל, דָאס מָשָׁל, אִיז דָאך דוֹמֶה לְנִמְשָׁל,
דֶער מֶלֶך, דֶער מֶלֶך, דָאס מֵיינט מֶען דִי הֵיילִיגֶען בּוֹרֵא

דִי טָאכְטֶער, דִי טָאכְטֶער, דָאס מֵיינט מֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה
ס'איז געקומען די צייט מען זאל זי מקבל זיין
אין קיינער האט זי נישט געוואלד נעמען

השם יתברך, השם יתברך, איז מיט דער תורה ארום גילאפען,
אזוי לאנג אזוי לאנג, ביז ער האט עשיו אנגעטראפען,

עשיו עשיו נעם מיין תורה, זי וועט דיר זיין צי א קרוין,
ניין השי״ת ניין, אין די תורה שטייט לא תרצח ולא תגנוב,
אין אן די צווי זאכען קען איך זיל נישט באגיין

השם יתברך, השם יתברך, איז מיט דער תורה ווייטער ארום גילאפען,
אזוי לאנג אזוי לאנג, ביז ער האט ישמאל׳ן אנגעטראפען,
ישמעאל ישמעאל נעם מיין תורה, זי וועט דיר זיין צי א קרוין,
ניין השי״ת ניין, אין די תורה שטייט לא תנאף ולא תגנוב,
אין אן די צווי זאכען קען איך זיל נישט באגיין

השי״ת השי״ת האט זיך נישט פיל מיישב געווען
אין ער האט אין ער האט די תורה פאר די ייודעלך געגעבן
ער האט פאר איר געטראכט, ער האט זיי חתונה געמאכט
אין מכבד געווען משה אהרן דוד ושלמה, מיט אינטער פירערשאפט

אזוי לאנג אזוי לאנג
די יודן מיט די תורה האבן געהאט א גוט לעבן
האט ער זיי האט ער זיי מן אין דער מדבר געגעבן
אלע סודות פארטרויערט, אין זיין לאנד אריינגענומען
אין אויך דאס הייגע בית המקדש פאר זיי אויפגעבויט

אבער אזוי באלד, אזוי באלד,
די יודן מיט די תורה האבן אנגעהויבן שלעכט צי לעבן
האט ער זיי האט ער זיי מער קיין קאסט פון זיין טיש נישט געגעבן,
מער קיין סודות פאר טרויערט, אין גלות אוועק גיטריבען,
אין אויך דאס הייליגע בית המקדש אויף געגיבען,

אבער אזוי באלד אזוי באלד
די יודן מיט דער תורה ווען ווייטער אנהויבן גיט צו לעבן,
וועט ער זיי וועט ער זיי, ווייטער קאסט פון זיין טיש געבן,
אלע סודות פאר טרויען, אין זיין לאנד צוריק אריין נעמען,
אין אויך דאס הייליגע בית המקדש במהרה ביימינו אויף בויען, אמן